STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10286

# LIKHTIKE SHTIGN

Chaim Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## חיים שוואַרץ

# ליבטיקע שטיגן

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1975

## פון דעם זעלבן מחבר:

ערשטע בליטן (לידער) 1928, סט. לואיס, מיזורי

דער גרויסער געראַנגל (לידער) 1943, לאָס אַנדזשעלעס

אונדזער דור (לידער) 1950, לאָס אַנדזשעלעס

אין שיין פון באַגינען (לידער) 1968, לאָס אַנדזשעלעס

# LICHTIKE SHTIGN

*by*

CHAIM SCHWARTZ


Los Angeles, California

1975

PRINTED IN THE U.S.A.



חיים שוואַרץ

מיין טייערער לעבנס-באַגלייטערין

— רותין —

מיט ליבע

## חיים שוואַרץ בוך־קאָמיטעט

ה. קאָהן, פּאָרזיצער — בערנאַרד פילד, פינאַנץ־סעקרעטאַר
דזשאָו בערנשטיין, קאַסירער

י. אַשפּיז, א. קוירטמאַן, יצחק אלחנן און עלקע ראָנטש,
אברהם און גאָלדע מאַימודעס, מ. פּישמאַן, מערי גאַרפילד,
עוועלין אַלעקסאַנדער, בען בענעוויץ (מיאַמי, פלאָרידאָ)
ראָת סיטרין (דעטראָיט) יאָסל גרינשפּאַן (פּעטאַלומאַ, קאַליפ.)
יוסף ראָזען (שיקאַגאָ) מאיר פּאַרבער (עלסינאָר, קאַליפ.)
בעקי יעלין.

מיין האַרציקן דאַנק דעם בוך־קאָמיטעט און צו אַלע פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. איך דאַנק האַרציק אַלע חברים, חברטעס און פריינט פאַר זייער קאָאָפּעראַציע און דערמוטיקונג.

חיים שוואַרץ

# קום, ווי אַ פרײַנט

# ליכטיקע שטיגן

איך שפּאַן איבער ליכטיקע שטיגן,
כאָטש איטלעכן טראָט איז ניט גרינג;
ווי כוואַליעס, די לאַסטן אים וויגן,
נאָר ס'האַרץ, דאָס פאַרעקשנטע, זינגט.

איך קוק פון די שטיגן אַרונטער,
דער נידער אין נעפּל פאַרגייט;
נאָר הויך איבער מיר — אַזאַ וואונדער —
דער קאָסמאָס מיט שיין איז פאַרוויט.

איך בענטש יעדן זיכערן שטאַפּל,
וואָס הויבט איבער תהום מיינע טריט;
עס קאָן ניט אַרומיקער מבול
פאַרפּלייצן די פרייד פון מיין ליד.

די פרייד און דעם וואונדער פון שאַפן,
פון פאָלקישע קוואַלן גענערט —
זיי וועלן צום ליכטיקסטן האַפן
דערפירן דעם צער פון די נעכט . . .

## קום צוגיין, ווי אַ פריינט...

איך ווייס ניט פאַרוואָס — מיטן שפּראָץ
פון פאַרטאָגיקער שיין —
עס ציטערט מיין הארץ פאַרן טאָג
וואָס אָט־אָט קומט אַריין...

וואָס טראָגט ער פאַרבאָרגן אין שויס
פאַר צעוואַקסענער שטאָט?
פאַר וועמען נאָר צער און נאָר פּיין
און פאַר וועמען — זיין גנאָד?

זיין רוקזאַק איז סודותדיק שווער
מיט געשאַנקען־פאַרמעג:
פאַר איינעם — אַ בלוטיקע טרער
אויף זיין שטיינערנעם וועג;

פאַר איינעם — אַ דופטיקע בלום
מיט אַ שמייכל באַקרוינט;
און איינער וועט ווערן אומזיסט
מיט עשירות באַלוינט...

און איך האָב מיין חלום ביינאַכט
אויסגעוועבט אַזוי קלאָר...
אַ, טאָג, יונגער טאָג, וואָס געבראַכט
האָסטו מיר אויף דער וואָר?

עס פלאַטערט אין הארץ נאָך מיין טרוים
שטילערהייט, שטילערהייט —
באַפריי פון די שאָטנס די ערד
און מיט זון זי באַגלייט.

און קומסט אין באַגין — קום צוגיין,
ווי אַ פריינט, אויף מיין שוועל,
און ברענג אין דיין רוקזאַק אַ גרוס
פון צעשפּאָלטענער וועלט:

ניט שריפות און טרערן זאָלן זיין
פון היינט אָן דיין געשאַנק —
נאָר פרייד פון געראָטענער מי
און פאַרברידערט געזאַנג.

די שרעק, וואָס פאַרסמט אונדזער בלוט —
פון די הימלען פאַרטרייב;
מיט גאָלדענע אותיות די פריינטשאַפט
אין רוימען פאַרשרייב!

און ווען דו קומסט אָן, יונגער טאָג,
זאָלן אויגן זי זען,
און, ווי ווייַן, זאָל אַ שטראָם טאָן די פרייד,
ווי דאָס גאָלד פון דיין פען...

ניט ציטערן מער זאָל דאָס האַרץ
אין דעם גרויסן באַגין;
דער מי זאָלסטו שענקען איר פרוכט
און דעם לעבן — אַ זין.

## די שאַפונג געבענטשטע פון פען

1.

ריטשקעלעך זוכן די וועגן צום טייך,
מאַכן אים מעכטיקער, פולער און רייך;
מענטשנס מחשבות אין אייביקן זוך —
בליען פאַרזייטע אויף בלעטער פון בוך.

זיצט ער מיט פען האָרעפּאַשנער אין האַנט,
אויגן — צעפלאַמטע, חער מוח — געשפּאַנט:
נישטערט אין פלאַנטער פון רוישיקע ניים —
וואו איז די טיר פון פאַרכישופטן קרייז?

ס'יאָגן מטורפדיק בליץ-שנעל די טעג,
שלעפּן געשוואָלענע שווערע געפּעק:
שחיטות פון דאָ און הריגות פון דאָרט,
שקרים מיט גזילות — צוזאַמענגעפּאָרט...

ערגעץ-וואו פינקלט אַ ליכטל קוים-קוים,
ערגעץ-וואו פינקלט אַ גאָלדענער זוים;
ערגעץ-וואו, איינגעשפּאַרט, גאָלדיקט אַ טרוים;
אַ שטערן בליצט אויף אין דעם כמאַריקן שוים...

ס'טרייסלען יסודות זיך... ס'וויגן זיך ווענט;
איין וועלט דער צווייטער—דערקענט, ניט דערקענט;
דראָענדיק גוואַלדעוועט פינצטערע נאַכט:
וואו איז פון פעסטונג די אייביקע וואַך?

איילט יעדע שעה — אַ צעדולטער ראקעט,
אַט איז צו פרי און אָט שוין — צו שפּעט;
אָניאָגן וויל האָרעפּאַשניצע-פען —
ברענט יעדער אות, יעדעם שורהלע ברענט...

## .2

ערגעץ — אַ צוויטער... לבנהדיק פּאַפּיר
אויסגעשפּרייט העלט און דאָס טישל באַצירט;
ס'האָבן די אויגן אַזויפיל געזען,
אַזויפיל געהערט און אַזויפיל דערקענט;

שוועבן געשטאַלטן אין שפּיגל פון אויג,
קולות אין אויער, ווי שרויט איבער פויק;
שמייכלען, געלעכטער און קינדערשער חן,
איינזאַמקייט, אומרו און שרעק און געוויין...

לייוונטן ברייטע, ווי פעלדער אין בלי;
דורות, עפּאָכעס, גערעאַנגלען און מי;
נידערגאַנג, אויפגאַנג און ווידער פאַרגאַנג,
כדי אויפשטייגן ווידער מיט נייעם געזאַנג.

אָ, וויפל בילדער אין האַרצן־געוועב
רייצן די פען: „אונדזער עבר באַלעב!
זאָלן די מאַרגנס — פאַר קינד און פאַר קייט —
מער מיט קיין שחיטות ניט ווערן באַגלייט;

זאָל אונדזער עבר—מיט שאָטנס און שיין —
טיף אין שוואַרצאַפּלעך פון מאָרגן אַריין—
אויפריגלען זאָל ער די סודות פון זיין,
שטייפער פאַרריגלען די קוואַלן פון פיין..."

## .3

חלומט דער דריטער... זיין האַרץ — אויף דער וואַך,
אויסגעמישט איז אים דער טאָג מיט דער נאַכט:
וואו נאָר אַ טראָט, וואו אַ ווענד און אַ קער —
שוועבט איז דער וועג אים, חנם מענטש, אויף דער ערד.

שלום און שלווה און גליק ער באַגערט,
ניט צו פֿאַרשוועכן די מענטשלעכע ווערט;
אַפֿט ביי די שטערן געזוכט אַ באַשייד —
האָבן זיי פֿרעגן דעם סך־הכּל צעדרייט...

אויסגעשפּירט האָט ער דעם וועג צו זיין גליק,
טויזנט־מאָל־טויזנט — אַהין און צוריק;
אויסגעמעקט געטער און תּורות — צעפּליקט,
אייגענעם טרויער מיט לידער חערשטיקט...

ס'ליד פֿון זיין האַרץ, ווי גנעדיקער וויין,
אויסגעלייזט אין אים האָט צווייפֿל און פּיין;
אויסגעהיט האָט אים זיין ליבע צום מענטש
און טויזנט־מאָל־טויזנט זיין שאַפֿן געבענטשט.

אייביקער זוכער אויף לעבנס זיגזאַג,
קלעטערער, קריכער, געשטאַלט מיט געוואַג —
צייכן, פֿאַרקריץ און מיט גבֿורה שמיד אויס
ס'וואָרט פֿון דיין האַרץ אויפֿן וועג צום פֿאַראויס!

* * *

טראָגן דריי שותּפֿים אַ רייכן פֿאַרמעג
איבער געפּלאָנטערטן, שטיינערנעם וועג —
וואונדיקע צייכנס באַגלייטן די טריט,
אַנגלי פֿון הערצער — אין שורות פֿון ליד...

# וואָס מיינסטו...

וואָס מיינסטו: אַ וואָרט איז אַ פֿלאַטערדיק שטויבל,
וואָס שוועבט אין דער לופֿט אַזוי טריבנ —
אַט פֿלאַטערט עס אונטן, אַט פֿלאַטערט עס אויבן,
און אַט טוט דאָס מיסט-קעסטל אים אַ פֿאַרשלינג?

וואָס מיינסטו: אַ וואָרט איז אַ קילעכדיק זעמדל,
וואָס וואַלגערט זיך אום אויפֿן דיל?
אַ קנעפּל פֿון הויזן, פֿון שוכוואַרג אַ בענדל,
וואָס טויגן אויף גאָרנישט און האָבן קיין ציל?

וואָס מיינסטו: אַ ליד איז אַ פּוכינקער וואָלקן,
וואָס טוט זיך אַ טראָג אינעם בלוי
און ווערט באַלד פֿון ווינטן אויף שטיקער צעשפּאָלטן
און גיט ניט קיין רעגן, עס ברענגט ניט קיין טוי?

וואָס מיינסטו: אַ ליד איז פֿון וואַסער געקנאָטן,
פֿון שפּינוועב געפֿלאָכטן, פֿון שאָלעכץ געבויט —
עס האָט ניט קיין רוים איבער זיך, און קיין באָדן,
קיין האַרץ און קיין בלוט און קיין צאַפּלדיק הויט?

אַ ליד איז פֿון ווערטער געשמידט און געשליפֿן;
איך ווערטער, באַגעם עס, שטראָמט לעבעדיק בלוט —
שנייד איבער אַן אָדער — הויבט בלוט אָן צו טריפֿן,
צעשניידסטו אַ וואָרט — אָ, ווי בלוטיקן ס'טוט!

דאָס האַרץ פֿונעם דיכטער אין ליד איז פֿאַרבאָרגן,
זיין פֿרייד און זיין טרויער, זיין אומגליק און גליק;
לייג צו דיין געהער אין מינוטן פֿון נאָגן —
דערפֿילן וועסט אַלץ, וואָס אין האַרצן אים דריקט...

ניט זיך נאָר אַליין זינגט ער אויס אין די פֿערזן —
אויך זיין היימלאַנד, זיין פֿאָלק און זיין העלעכן דור;
אַריינגעשמידט זיינען זיין מאַרך און זיין וועזן,
זיין נעכטן, זיין היינט און זיין העלער קאַיאָר...

# צו מיינע זיבעציק יאָר

אָ, זיבן צענדליק דורכגעשפּאַנטע יאָרן,
איך קוק אייך אָן היינט אויפן פעלד פון מיין זכרון;

די אָנהויבער די ווייטע פון מיין לעבנס־וועג
און די, וואָס זיינען ערשט אין אייביקייט אַוועק;

די לאַנג־פאַרגאַנגענע און די נאָר־וואָס צעשיידטע,
די צאַפּלדיק־פרישע און די לאַנג־פאַרשניטע...

כ׳צעוויקל אייך, ווי אַ צעלויכטענע מגילה,
אין שעהען נאַכטיקע, צעשטערנטע און שטילע:

אַט דאָס זייט איר, וואָס האָבן מיך עקשנותדיק געבויגן
און זיינען זיך, ווי פייגל אַנגעזעטיקטע, צעפלויגן;

די סאַמע ערשטע — שעמעוודיקע, אומבאַהאָלפן,
געוואַקלט און געקנאָטן פון די מוסר־רייד און שטראָפן,

אין מאַמעס הויז, אויף חדר־באַנק, אויף שטעטלס ראָגן —
איר האָט מיך אַלע זאָרגפול אויסגעטראָגן,

איך זאָל אין לעבנס זאַווערוכעסדיקן קלעטער
ניט ווערן פרי און אומגעריכט צעשמעטערט...

דער מאַמעס האַרץ — מיט זאָרגן טעגלעכע אַ זאַטע —
(אין ווייטן מיסיסיפּי־לאַנד פאַרוואַלגערט זיך דער טאַטע)

נאָר זי אַליין פאַרהיט האָט מיינע טריט פון שטרויכל
און יעדן שאָדן גרייט געווען צו זיין מיר מוחל.

ביז היינט איר זכר איז אַ הייליקער פאַרבליבן,
ווען נאָר די מאַמע־אותיות באַרירן מיינע ליפּן.

אָ, יאָרן, ס׳ווילט זיך ווידער געבן זיך אַ וואַלגער
מיט אייך אויף צאַפּלדיקע פעלדער פון באַסטאַלגע,

און ווידער אויסשפּירן די פרײדן די באַטעמטע
אין פערזן אויסגעפלאַכטענע, געגראַמטע;

און ווידער ווערן מיט בטחון־פלאַם באַשאַנקען,
ווי נאָך אַ פרילינג־רעגן ווערט מיט בלומען־גאַב אַ לאַנקע.

איך זאָל מיט נאָענטע און ווייטע מײַנע ברידער
— אַרויפגעשטיגענע פון הילפלאָזיקן נידער—

פון וועג באַזוניקטן ניט ניהערן אַרונטער
פון וועג באַשטערנטן מיט אומגעציילטע וואונדער...

נעמט צו, אַ, יאָרן, מײַנע, אַט דאָס ליד, ווי אַ מתנה,
און בענטשט מיך,
כ'זאָל שפּעטער אויך אײַך קוקן אין די אויגן קאַנענ,

און ניט אַראָפּלאָזן פאַרשעמטע מײַנע וויעס,
ווײַל כ'האָב געפעלשט די אייגענע נביאות...

# דאָס לעבן-זאַמד

דאָס לעבן־זאַמד איז אויסגעמישט,
איך זיפּ אים, זיפּ — און ניט אומזיסט;
אַ טוט אַ פינקל און אַ בלענד
אַ זעמדל גאָלד אין מיינע הענט.

כ'בלאָז פון אים דעם שטויב אַוועק —
בלייבט דאָס גאָלד מיר אויפן דעק.

שעהען לאַנגע אים איך רייניק,
און איך שמעלץ אים און פאַראייניק;
ביז עס טוט אין אים אַ גליטער
מיט נשמהדיקן ציטער...

ריין און זויבער יעדער טראָפּן,
ווי אַ טרוים ביים קינדס צוקאָפּנס,
ווי אַ טרער אין מאַמעס בליק
איבער צוגעריבטן גליק,
וואָס קומט קיינמאָל ניט צוריק...

איבער טראָפּנדלעך איך וואַך,
און אין שטילער שעה פון נאַכט,
ווען מיין אומרו מיך באַפאַלט,
און דאָס הארץ איז אויפגעפּראַלט —
גיס איך טראָפּנווייז אין ליד
ס'גאָלד, וואָס כ'האָב פון שטויב פאַרהיט;
כ'שמעלץ אים אין מיין ליד אַריין,
אין מיין ליד פון זין און זיין...

נעם מיין ליד אין דיינע הענט —
ס'וועט מיין מי ניט זיין פאַרשווענדט:
אויב אַ טראָפּנדל אַ צאַרטס
אויך אַריין וועט אין דיין האַרץ
און וועט געבן דיך אַ ברי
און אין פרייד־לאַנד — אַ צי...

# איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט...

איך שפּאַן נאָך אַלץ היינט אַ פאַרליבטער
אין דינסטן גרעזל און אין וויסטסטן שטערן;
דאָס האַרץ טוט וויטאָגדיק אַ ציטער,
ווען ס'טוט די האַק אַ ביימעלע פאַרצערן...

איך ליב דעםווינט, וואָס שפּילט זיך מיט די בלעטער
און מיט די צווייגן האַלט זיך נאָר אין סודען;
מיר ווילט זיך, ווי אַ אינגל, טאָן אַ קלעטער
און מיטן העכסטן בוים-שפּיץ זיך צעהוידען.

כ'האָב ליב די צוויטשעריי פון פייגל,
די וואָרקנדיקע ליבע-שפּראַך פון טויבן;
דעם גלאַנץ דעם לויטערן פון אויגן,
ווען ס'קוקט אַריין דער פרילינג דורך די שויבן...

נאָר גלויב: ס'איז טויזנט מאָל דער מענטש מיר ליבער,
וואָס שפּאַנט מיט מיר צו האָריזאָנטן נייע,
און אין די האַרבסט-טעג רעגנדיקע, טריבע
דער פרילינג אין זיין האַרצן זיך פאַרטייעט...

פאַר אים און זיינע שאָפנדיקע פינגער,
פאַר אים מיט זיינע קאָסמיש-וויטע טרוימען —
מיין האַרץ הערט קיינמאָל אויף צו זינגען
און מיין געזאַנג באַגלייט אים אין די רוימען...

אַז כ'זאָל אין זיין גערעטנגל ווערן זוכה
צו זיין זיין שטילער מיטזינגער-באַגלייטער;
און, ווי אין ים נאָך פערל גייט דער טויכער,
כ'וועל גיין אין פאָלק נאָך לידער אַנגעגרייטע:

פאַר אַלץ, מיט וואָס מיין דור היינט פיבערט
כדי ס'לעבן זאָל באַבלומען זיך, באַנייען...
ווייל טויזנטפאַכיק איז דער מענטש מיר ליבער,
וואָס שפּאַנט פאָראויס צו האָריזאָנטן נייע...

## גיב צוריק מיר דיינע טרוימער...

נאָך איידער ס'האָט מיין פוס באַטראָטן
דיין רחבותדיקע,
פעטע,
גאַסטפריינטלעכע ערד —
האָט הארץ מיינס,
ווי אויף שטראַלנדיקע נאָטן,
דיין חלום־ליד דערהערט.

ווי מעטעאָרן
אויפגעלויכטן האָבן פון דיין ווייטן נעכטן
די נעמען בלענדיקע
פון דיינע גרויסע זין און טעכטער;
זיי האָבן חסדיק פאַריאָגט
די כמאַרע־וועלף די שטענדיקע
פון הימלען פון מיין וואַנדער,
ווען מיין געביין
האָט אויף דיין ברעג געלאַנדעט.

האָסט מיך פון ווייטער שטעטעלע,
— ווי טאַטנס בריוו פאַפירענע —
צו דיין יבשה־פאַס געצויגן
מיט צוזאָג צו באַשירעמען
מיין יונג געביין פון רויב־פייגל,
וואָס זיינען איבער וועלט צעטרייסלטער
געפלויגן . . .

וואָס האָב איך דאָן געוואוסט
פון דיינע שטעט און פריירים,
פון פראַצע דיינער און דיין לעבן־לוסט?

פון די געבאָטן דיינע און עבירות
און פון דעם שווייס,
וואָס שפּיגלט זיך אין זאַפט
פון דיינע פּירות...

... איצט —
וואַנדערט אום מיין בליק
אין דיינע רוימען
און זוכט דעם מעטעאָרן־גלאַנץ
פון דיין אַמאָל;
אָ, גיב צוריק מיר דיינע טרוימער—
איך וויל דערהערן זייער קול...

דאָס קול פון פּעין,
פון לינקאָלן און וויטמאַן,
דאָס קול פון דעבס און מארטין לוטער קינג;
אין צאַמען ברעכנדיקע,
פלייצנדיקע ריטמען
זאָל זייער חלום רייצנדיקער,
לאַנג פאַרשוואונדענער
אַ קלינג טאָן נאָך אַ מאָל,
און ווידער
אין דיינע ערדישע
פּולבלוטיקע
און רחבותדיקע לידער...

## ליד צו אַ שפּעטערדיקן דיכטער

אוי, ווי עס וואָלט זיך אַ שפּיל טאָן געוואָלט
מיט ווינטן, לבנה און שטערן,
אַז ס'זאָל פון די זאָרגלאָזע פרייידן דאָס גאָלד
אויף אייביק פאַרמעקן די טרערן.

אוי, ווי עס וואָלט זיך אַ זינג טאָן געגלוסט
פון לאַנקעס, פון בלומען, פון תענוג;
פאַרגינען זאָל האַרץ זיך אַ לאַך טאָן — אין זכות
פון אַלץ, וואָס מיין דור האָט געפייניקט...

„מיר ווילן און קאָנען זיין צאַרט"—
געזונגען אַמאָל האָט שוין כאַריק —
נאָר ניט, ווען דער ביסן איז ביטער און האַרט
און דער הימל — נאָך אַלץ אַזוי כמאַריק...

איז אויב דו וועסט, דיכטער, אַ זינג טאָן אַמאָל
פון שטעט און פון פעלדער צעבליטע —
זיי ווייסן, מיין חבר: אויך איך האָב געצאָלט,
אַז דיין ליד זאָל ניט קלינגען פאַרביטערט.

כ'האָב יאָרן געצאָלט מיט געשריי און מיט פיין,
אַז דיר זאָל דיין שליחות זיין גרינגער;
איז ווען דו וועסט בענטשן חעם פריילעכן וויין—
געדענק אויך דעם איצטיקן זינגער...

## שיכור בין איך פונעם וואָרט געדרוקטן...

שיכור בין איך פונעם וואָרט געדרוקטן,
כ׳טרינק און כ׳טרינק די אותיות, ווי ווייַן;
פון שורות,
זשעדנערהייט פאַרצוקטע,
לויטערט איבער מיר
אַ ניכטערדיקע שייַן.

גאָלדיק פליסן טייכן פון די בלעטער,
קוואַלן שלאַגן זילבערדיק מיט גנאָד;
נעכטנס לאַנג פאַרשוואונדענע
מיט וויזיעס פון שפּעטער
שפּיגלען זיך אין הייַנטס
צעווירבלטן טראָט.

כ׳טרינק דעם ווייַן
אין אַלע וואַכנדיקע שעהען
און קיין מאָל שרייַט מייַן דורשט נישט —
שוין גענוג!
ווי צום אין־סוף פון הימלדיקע בלויען
געלאָזט וואָלט איך זיך
אויף אַ קרייַכנדיקן צוג...

כ׳האָב אַזויפיל גלאַררייכע פלאַנעטן
אויף מייַן באַליבטער שריפטרייזע אַנטדעקט;
נאָך מער און מער עס ווילט זיך מיר באַטרעטן,
יעדער טאָג
די לוסט מייַנע צעוועקט...

ס'רייצט מיין אויג אַ יעדער פרישער טאָוול,
צערטלעך גלעט מיין האַנט
אַ יעדן פרישן בלאַט;
אַלע אותיות
צו מיר ווינקען, רופן,
אַזש דאָס אויג קען זיך ניט אָנטרינקען
צו זאַט...

אַזויפיל הענט
צו מיר איין חברשאַפט זיך ציען
פון יעדער שאַפּקעלע
מיט ביכער אויסגעצירט;
אַזויפיל גאָלד-אוצרות געזאַמלטע
פון מיען זיך און מיען —
אָ,
נעמט מיך מיט אויף אייער גאָלדענעם שפּאַציר
און צו די רייכסטע שייערן
מיך פירט...

# דו טענהסט...

דו טענהסט: ווער דאַרף דיינע אידישע ביכער,
די קינדער פון היינט, די קינדס־קינדער פון מאָרגן?
און ס'דאַכט מיר, דו וואָלסט מיינע לידער, וואָס גיכער,
ווי נוצלאָזע פייגל דערוואָרגן...

דו טענהסט און טענהסט און גראָדע אויף אידיש
און ס'לאַכט אין מיין אויער דאָס מאַמישע לשון:
„דאָס זעלבע געהערט שוין, עס איז מער קיין חידוש —
נאָר כ'ברען און איך לויכט און איך ווער ניט פאַרלאָשן;

און אויב ס'וועט מיט יאָרן מיט צענדליקע שפּעטער
אין ערגעץ אַ ווינקל, אין רו־שעה פון נאַכט,
אַן איינציקער פינגער דיין בוך טאָן אַ בלעטער —
געבענטשט פאַר דיין מי זיי, געבענטשט און געאַכט..."

אָ, לשון דו מאַמישס, ווי מאַמישע ליבע
ביסט זאָלב פאַר מיין אומרו אין טעגלעכן יאָג;
עס וועלן נאָך הארבסטן אַזויפיל אַריבער
און איך וועל באַגריסן דיך יעדן פאַרטאָג.

# מיין טרוים ניט פאַרשעם

שניידער, דו שניידער, קום נײַ מיר אַן אָנצוג
פון גוטן, פון טייערן וואָל —
ער זאָל אויף מיר ליגן, ווי ס'פּאַסט מיר און גלאַנצן
און וואָס ס'וועט באַטרעפן — איך צאָל.

שוסטער, דו שוסטער, קום מאַך מיר פון לעדער
צוויי קרעפּטיקע, זיכערע שיך —
זיי זאָלן מיך שיצן פון בלאָטיקע בעדער
און גיין זאָל זיך גרינג מיר און גיך.

בויער, דו בויער, קום בוי מיר אַ שטיבל
פון ציגל, פון ברעטער און גלאָז —
אַ נעסט פאַר מיין אומרו, מיין חלום און ליבע,
אַ ווינקל פאַר געסט — אָן אַ שלאָס.

אָ, גערטנער, דו גערטנער, פאַרפלאַנץ מיר אַ גאָרטן
מיט בלומען — אַ בייט נאָך אַ בייט —
מיט פרוכטביימער זיסע פון אַלערליי סאָרטן,
פאַר אויגן און ליפּן — אַ פרייד.

דיכטער, דו דיכטער, געזאַלבט מיט לידער
פון אַלץ, וואָס איז ליבלעך און צאַרט;
קום זינג, כ'זאָל אין ניגון דערפילן אַ ציטער,
אַ פליגל־געפּאַך אין מיין האַרץ...

אַ שטיבל אַ וואַרעמס, אַ שוך און אַ בגד —
ווי גוט זייער ווערט איך באַנעם;
נאָר דו, ליד־באַשעפער, גיב רו מיין געלעגער,
מיין ליכטיקן טרוים ניט פאַרשעם...

## פאַרוואָס?...

פאַרוואָס ווערט מיין שטיבל אַ טעמפּל
ווען דו נאָר צעזינגסט זיך, מיין ליד?
אַ זון ווערט מיין גראָשנדיק לעמפּל,
אַ הימל פון בלוי — דער סופית.

מיין דיל איז שוין מער ניט פון ברעטער—
נאָר אַ פעלד אַ צעכוואַליעטס מיט גרין;
מיין הארץ אין דער הויך טוט אַ קלעטער
מיין גאַנג ווערט צעקלאָרט און באַזינט.

און גרייט בין איך ווידער צו ליבן
די וועלט, וואָס פון ליידן איז מיד...
אַ ניגון באַרירט מיינע ליפּן
און פלאַטערט אריין אין מיין ליד.

איך שיק מיינע גלויביקע שורות
צו יעדן, וואָס הערן איז גרייט—
זיי זאָלן אין שעהען פון שטורעם
אים ברענגען אַ טראָפּנדל פרייד.

# אַ דאַנק דיר, לעבן...

נאָך קיינמאָל האָט זיך מיר געגלוסט ווי היינט
אַן אָטעם טאָן די לופט מיט לונגען פולע:
אַ שלינג טאָן מיטן אויג די הימל־שיין
און קוויקן זיך מיט פייגעלעך וואָס הוליען.

איך לאָז זיך אויף מיין דרויסיקן שפּאַציר;
דער זילבער בוים און בלום און ווייכע גראָזן —
נאָר אַנדערש גריסט מיך אַלץ, וואָס איך באַריר
נאָך וואָכן לאַנג, וואָס איך האָב זיי פאַרלאָזן...

כ'האָב אומגעקערט זיך ווי צו אַלטע פריינט,
וואָס האָבן אָפּגעוואַרט אויף מיר געדולדיק;
אַ פרייד פאַריאָגט מיין אומגעריכטע פּיין,
וואָס האָט באַשטראָפט מיך אָט אַזוי אומשולדיק...

אין גלידער טוט אַ ברויז, ווי אַלטער וויין,
אַ שוועסטערס בליק, אַ האַנט־דרוק פון אַ ברודער —
דערפאַר איז ליב אַזוי מיר אָט־דער היינט,
מיט זיין געזאַנג און הילכיקן גערודער.

אַ דאַנק דיר, לעבן,
און אויך דיר, מיין האַרץ, אַ דאַנק —
פאַר אויסהאַלטן דעם יאָך און זיך ניט בויגן;
געזונט זיי אין אַ וועלט, וואָס איז נאָך קראַנק
און לאַנג זאָל זון נאָך שפּייזן מיינע אויגן...

## אַ זאַמען דרעמלט אונטער שניי...

(די שרייבער פון דער „פאָלקס־שטימע״ — אַ **מתנה**)

דער רים אין האַרץ איז ברייטער פונעם ים,
נאָר איך פאַרוואָרף אַ בריקל איבערביידן
און כ׳זאָג מיין גרוס אָן: נישט פאַרזאַם,
כאָטש האָסט אין וועג נישט קיין באַגלייטער...

איך זע די פלעמלדיקע בליקן פון דער ווייט
אויף אות פירקאַנטיקן אראָפּגעבויגן —
אים אויסגעהיט פון וויכערדיקער צייט
זיי האָבן, ווי שוואַרצאַפּלען פון די אויגן.

איר האָט דעם אות געצערטלט און באַוואַכט
דורך אַלע נישט־פאַרגונענע מעת־לעתן;
אַ לויב די הענט, וואָס אין אַ בייזער שעה פון נאַכט,
זיי לאָזן נישט דאָס פלעמעלע פאַרלעשן...

עס קאָן זיך נאָך דאָס פלעמעלע — ווער **ווייסט** —
צעבלאָזן זיך אַמאָל פון פרילינגדיקע ווינטן —
פאַר אַלע זאַוועריכעס — אַ **טרייסט**,
וואָס וועט אויפסניי אין הימל זיך צעצינדן...

אַ זאַמען דרעמלט אונטער צודעקן פון שניי
און חלומט איינגעשפּאַרט פון זון און רעגן;
נאָר ביז ס׳וועט איבערגיין דער פּראָסטיקער זאַווי,
גיי, גיי, מיין ליד, מיט ברכות **אים** אַנטקעגן...

## צו מיין יום-טוב

צו מיין שווער־פארדינטן יום-טוב
איך פארבעט אייך, מענטשן, קומט!
העל-צעבליטע בלומען־קוויטן
רינגלען פריידיק מיך ארום.

קומט און שטוינט פון גרויסן וואונדער—
אזא קראפט אין מיר נאך קוועלט!
ניט פארוועלקט האט פארב פון יוגנט,
ס'האט מיך לאסט ניט אפגעשטעלט.

ס'איז מיין ווארט מיט מוט געפאנצערט,
אומדערשראקן קלינגט מיין ליד;
פון א הונדערט בייזע שלאקסן
האט דאס פאלק מיך אויסגעהיט;

כ'פלעג מיט אים זיך קיינמאל קריגן,
נאר געשעפט זיין פרייד און פיין —
איז זיין אויסגעבענקטער ניגון
אין מיין בלוט, ווי וויין, אריין.

שטאלץ בין איך היינט מיט מיין נעכטן,
ניכטער שפאן איך מיטן היינט;
און דער מארגן דער גערעכטער
אלע וועגן מיך באשיינט.

שווער־פארדינטע בלומען־קוויטן
רינגלען פריידיק מיך ארום —
קומט-זשע, מענטשן, צו מיין יום-טוב,
צו מיין גרויסן יום-טוב קומט!

# צווישן מדבר און ים

# צווישן מדבר און ים

אין שטילער רו פון נאַכט,
אין שעה פון שטערן־שיין,
חלומות אויף חער וואַך—
אַנטפּלעקסטו זיך פאַר מיר:
אַריינגעקלאַמערט צווישן ים און מדבר־זאַמד,
אַ רייצנדער מיראַזש, אַט טונקל, אַט צעפלאַמט,
און שוויגנדיקערהייט גייט אויף אין מיר
דיין פרייד־און־צער־געזאַנג...

ס׳גייט אויף אין מיר דאָס ליד
פון נעמען רומפולע
פון בערג, פון טאָלן און פון שטעט —
פון ס׳ניי־אַנטדעקטע יִבר־מאָנומענטן
געהייליקטע מיט בלוט און מיט געבעט;
ס׳גייט אויף אין מיר דאָס אַלט געזאַנג
פון לאַנג־פאַרקלונגענע לעגענדעס
פון געוואָגטע קריגער— זיגער און באַזיגטע —
אויף שטיין און פאַרמעטן פאַרקריצטע,
פון צייט־שטורעמס פאַרהיטע.

צו ערשט האָסט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר
אויף האַרטן חדר־באַנק —
אַ כישופדיק געשאַנק
פון אָפּגעהיטן אור־ספר —
אַ שטילער עדות פון שוין לאַנג־פאַרשוואונדענע,
אין קדושה איינגעבאַלזאַמירטע ייִדעס...

* * *

איך האָב געזען זיי מידע,
מײנע זיידעס אויפן לאַנגן מדבר־וועג
אַריבערשפּאַנען אים, דעם ירדן־טײך,
(ס'האָט דאַן דער ירדן זיך געבריד'עוועט
מיט זיין שוועסטער־טײך, בעריאָזע,
אויף גריגער ערד פון מיין צעבונטעוועטער היים)
דער לעצטער ראַנד פון „צוגעזאָגטן" כנעני־לאַנד,
וואָס איז געווען מיט „מילך און האָניק"
פעט און רייך;

איך הער גרויען כ'האָב געהערט
דעם שפּאַלטנדיקן שופרות־שאַל
און דעם צעפאַל
פון די יריחו־ווענט;
פאַרנומען כ'האָב דעם „תמות־נפשי"־אויסגעשריי
צוזאַמען מיטן טעמפּלס זיילנדיקן קראַך;
כ'האָב תמימותדיק געגאַפט
פון לעצטן צוואַנגען־קלעם
פון שמשונס גבורהדיקע הענט,
פון בלינדער און געשענדטער קראַפט.

דערנאָך געשימערט האָט פאַר מיר
דער פלאַמענדיקער כתב
פון נביאס שטראָפנדיקע רייד,
געשמיסענע אין פּרצוף דעם פאַרזינדיקטן
פון קעניגלעכן ערב־רב;
דערנאָך—
געציטערט, ווי אַ טרערן־קוואַל, האָט איכה־קלאַנג
פון לאַנג־פאַרלאָרענע געפעכטן,
פאַרוויטע מיטן שטויב
פון גרויען נעכטן...

* * *

אין שטילער נאַכט מיר דאַכט:
זיי וואַנדערן אַרום נאָך היינט
— די שאָטנס פון אַמאָל —
אין יעדן באַרג־שפּאַלט און אין יעדן טאָל,
ווי דו געוועזן וואָלסט פון באַגין דיינעם פאַרקנסט
צו אייביקער סכנה־לאַסט
פון חורבן און צעשטער,
אָ, פּיבעריקע ערה...!

ס'איז דער אַמאָל פאַרקריצט אַזוי מיט אותיות פלאַמיקע
אין דיין פיל־טויזנט־יאָריקן זיכרון
ער קומט דערמאָנען דיך פון גרויליקע קאַשמאַרן,
ווען ס האָבן שבטים, פעלקער און אימפּעריעס
צעבויטעט און צעוואָלגערט דיך...

דער פּערסיאַנער קעניג סירוס,
און אַלעקסאַנדער — גריכישער מאָנאַרך,
און דער באַהערשער־אונטערדריקער,
דער רוימישער פּאָמפּעי —
ווער האָט דיך ניט מיט הויך־באַזונגענע חיילות
מיט אומרו־פּיבערן אַהערגעשפּאַנט..?

אָט,
ווידער רודערט זיך ביי דיינע ראַנדן,
ס'הענגט ווידער איבער דיר
דער הייסער קריג־אָטעם
און אומרואיק עס קייקלען זיך די יחדן־כוואַליעלער
פאַרביי דיין אָנגעגליטן באָדן...
צי לעבט דיין נעכטן ווידער אויף
מיט נאַכטיקאַשמאַרן
אין דעם אויסגעבענקטן היינט?
פאַרבלייבן וועסטו נאָר אַן אייביקער מיראַזש
אויף אָנגעהיצטן מחבר־זאַמד?

* * *

(מיין פּוס האָט קיינמאָל נאָך דיין באָדן
ניט באַטראָטן;
ס׳האָט דיין כנרת לייב מיינס ניט געצערטלט
און הארטע ערד דיינע פון זאַמד און שטיין
האָב איך ניט אויפגעריסן
— שיכט נאָך שיכט —
מיט נעגל און מיט ציין;
מיט קאַלטן שוויים פון מיין געזיכט
כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואַשן שמייכלענדיקן גרין
פון דיינע פעלד־בייטן,
געשמיסענע פון ווילד־צעהפקרטן כאַמסין;
כ׳האָב ניט געזוכט קיין שוץ אין דיינע אָרעמס,
ווען אויגן האָבן פיבערדיק געגנישטערט
אין געוויל וואוהין...?)

מיר האָבט...
אין שטילער נאָכט איך הער
אַן אויפגערויש פון ברייטן נילוס־טייך,
פון לאַנד פון שטאָלצע פּיראַמידן;
אַ שטילן פליעסק פון שמאָלן ירדן־טייך
ניט ווייט פון אידן־לאַנד;
ס׳גייט אויף דאָס שותפותדיק געזאַנג
אין פרידלעכן געפלעכט
דורך הייסע טעג און שטערנדיקע נעכט,
ווי אַ געבעט פון שומרים רוהיקע
ביי דיינע ברעגן
מיט שלום־ברכות אין די אויסגעשטרעקטע הענט...

דאָס שלום־קערנדל,
וואָס האָט פאַרהיט די קראַפט
אין באָדן שטיינערנעם,
איז אויפגעגאַנגען רייף, געראָטן, אינעם פרידן־קנאָספּ
מיט לעבן־שענקענדיקער זאַפט.

אָ, טראָג זיך ווייט און ווייטער,
דו שלומדיק געזאַנג פון קינד־און־קייט פאַרברידערטע
אין אויסגעבענקטן אחווה־רינג
פון שוועסטער־קינדער צוויי
אַרום דעם אויפגעראַמטן שלום־טיש,
מיט שפע־גאָב פון ברויט און ווײַן
אויף ערד באַנייטער אונטער מזרחדיקער שײַן;
צעטראָג זיך העכער, ווייטער,
איבער מדבר, איבער ים —
צעטראָג זיך,
ניט פאַרזאַם...!

## דאָס ליד פון שלום-טיש אין זשענעווע

אַ בלוטיקן פערטל-יאָרהונדערט
געדולדיק האָב איך דאָ געוואַרט ;
געציילט האָב איך אַלט-נייע וואונדן
און שטיל נאָך אַ צייכן געוואַרט . . .

צום ווינט מיין געהער צוגענאָגלט,
צו עכאָס מיין האַרץ צוגעשמידט ;
פון אונטער אַ פּראָסטיקן האָגל
כ'האָב אַ פונק פון בטחון פאַרהיט —

ער זאָל זיך וואָס העלער צעלויכטן,
פון שאָטנס-געדריי ניט געשטערט,
ביז ס'וועלן פאַרשווינדן די רויכן
פון מדברם צעשרפהטער ערד . . .

פון אומעטום — בליקן געצילטע
אַהער, אויפן ליפן-באַוועג :
צעגיין וועט דער פלאָנטער פאַרקילטער,
ווי פראָסט אין צעפרילינגטע טעג ?

צערינען עס וועלן פאַרדאַכטן
אין פיינטלעכן אויגן-צעשטראַל,
און איבער געוואַיען פון שלאַכטן
וועט הילכן אַ שלום-געשאַל ?

אָ, ניט אויף די גליאיקע זאַמדן
ביים לעצטן צעפולווערטן פאַס —
אַרום מיינע פרידלעכע ראַנדן
צעשמאַלצן זאָל ווערן דער האַס !

מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן
זאָל ווערן דער ברודערשאַפט־בריוו
פון אוראַלטע קרובים פון ביבל,
פון קאַיראָ ביז תל־אביב.

פון קוואַלן צעפּראַלטע די שפע
אַ שעפּ טאָן זאָל מענטשלעכע מי —
די וועלט זאָל איר אויג טאָן אַן עפן
מיט שטוינונג פון רייכן צעבלי.

מײַן קול — איבער קוילן־געטרויש —
מיט ברכות זאָל ווערן באַגלייט:
די זיגן אויף שלאַכט־פעלד פאַרטויש
אויף קלענסטן צעפינקל פון פרייד!

* * * * *

געוואַרט כ'האָב אַ פערטל־יאָרהונדערט
אויף קלאַנגען פון פרידלעכע טריט —
צעגייט ניט, ווי פרעמדע, באַזונדער,
צוזאַמען דעם שלום־בונד שמידט...!

## די שלום-טויב אויף הר-ציון

(„די מלחמה איז געווען אַ קורצע, דער זיג — אַ קאָלאָסאַלער, אָבער די זיגער זיינען אומעטיקע." — יהודה גור־אריה, תל־אביב)

אַן אומעטיקע, צו דעם באַרג־הויך צוגעשמידט,
זי פירט פאַרטרערטע אויגן איבער ראַנדן;
זי נישטערט איבער אַנגעגליטע זאַמדן
און זוכט אַ שפור פון שלומדיקע טריט...

מיט פחד לויערט אַלץ נאָך דער מעת-לעת,
די ווייסע פליגל אירע בריען די כאַמסינען;
ווי קאָן זי איבער שטחים רואיקייט געפינען
און אויפבויען פאַר עופהלעך איר נעסט?

זי נידערט פון הער בלויער הויך אין טאָל
און צווישן קברים טרויעריק זי וואַנדערט;
עס רייסט אַ יאָמער אַלע שטילקייטן פונאַנדער,
און ס'פאַלן אויף מצבות טרערן, ווי קרישטאָל...

אָ, ווער האָט עס צעשליידערט איבער אַלטער ערד
די שנאה־פונקען אין אַ הפקרדיקן פלאַקער
און מיט דעם שווערן פויערישן אַקער
געגעבן צו באַגלייטן אים... אַ שווערד?

ווי לאַנג נאָך וועט דעם שפּאַרבערס שנאָבל־שאַרף
געגאַרטע רו צעפליקן און פאַרצערן —
ביז פרייד וועט אויסלעשן די טרערן
און פרידן וועט אַ שפּיל טאָן אויף זיין האַרף?

דער אומעט אין די טויבן־אויגן גליט,
זיי בלאָנקען טרערנדיקע איבער זאַמדן;
זיי נישטערן אַרום די אַנגעגליטע ראַנדן —
צי וויזט זיך ניט קיין שפור
פון שלומדיקע טריט...

# בריקן פון שלום

ווי ווייט איז היינט
פון וואָלגע־ברעגן ביזן האָדסאָן,
פון דעם פּאָטאָמעק ביזן דניעפּער און צוריק?
ס׳האָט הארבע צייט צעשניטן פריערדיקע מאָסן
און איבער תהום אַ צי געטאָן אַ בריק.

זאָל זיין,
אַז ס׳בלאָזט אַ צוג־ווינט קאַלט נאָך איבער ימען
און טרייסלט ביים דעם שלום־מאָנומענט...
איז גוט אַ שמעטער־טאָן די צאַמען
און האַפּטדיק דערלאַנגען זיך די הענט.

די שווערע פאָרהאַנגען,
זיי נעמען זיך פאַנאַנדער
און פרילינגדיקע זון מקבל איז די געסט;
עס קערט זיך אום די שלום־טויב פון וואַנדער
און הויבט אָן בויען איר צעשטערטע נעסט...

„איין טראָט הויבט אָן אַ וועג אַ לאַנגן, שווערן"
און גייט פאַרביי לצנישן געשפּעט;
איך הויב די אויגן צו די ווינקענדיקע שטערן:
זאָל זיין געבענטשט דער ערשטער טראָט!

פון אומעטום אים אויגן וואַכיקע באַגלייטן
און הערצער אויסגעווייטיקטע פון צער;
פון אַלע קברים, איבער ערד צעזייטע,
עס שרייט: גענוג מיט בלוטיקן קאָשמאַר...!

זאָל אויף דער ערד ניט מער אַ פלייץ געבן קיין מבול
אויף בלומען בייט, אויף קינדער־וויג;
ניט געבן זאָל דאָס הארץ קיין צאַפּל
אויף אויסגעבענקטן טראָפּן גליק...

## ווידער שווינגען שווערדן...

ווידער שווינגען שווערדן שאַרפֿע, פּראָסטיקע
מיט שנאה מיט צעפּאַכטעטער און בליִנחער,
און ווידער טרינקט דער מדבר דאָרשטיקער
דאָס וואַרעם בלוט פֿון אירע קינדער.

עס רייט דער טויט אויף פֿליגל שטאָלענע
און רויטע זאַפּט שטראָמט זידנדיק אַרונטער;
עס פּלאַצן וואונדן אויפֿן מדבר-לייב געשוואָלענעם
און יעדע וואונד צום הימל שרייט באַזונדער...

ס׳גייט שטאָל אויף שטאָל און ברוסטן זיך באַגעגענען —
דערשיטערטע פֿון פּלוצעמדיקן פּחד;
ביים לעצטן „אוי״ די בליקן זיך באַגעגענען
מיט קראַכנדיקע, מדברדיקע פּלאַכן...

אַ בלהם קוש, אַ ליד אַ ניט דערזונגענע,
דאָס פֿעלד און גאָרטן היימישע, צעבליטע —
זיי בליצן אויף פֿאַר לעצטן בליק — דערשלונגענע
אין גיהנמדיקן, פֿייער-קאָכיקן געוויטער...

לעגענדעס אייביקע פֿון קריגער העלדישע,
געירשנטע פֿון עברדיקע זיידעס —
צעשמעלצן זיך אין פֿלאַמען העלישע
און נאָר דער זאַמד און הימל ווײַנען דאָ די עדות...

און ערגעץ־וואו די רו וואַרט אַ פֿאַרשטויסענע;
צעבלוטיקטע, צעפּליקטע אירע פֿליגל;
זי וואַרט ביים שלום-טויער דעם פֿאַרשלאָסענעם —
אַ הייסע טרער אין אויג אירער זיך שפּיגלט...

אָ, עפֿנט אויף די לאַנג-פֿאַרהאַקטע טויערן,
אַ שפּריץ טאָן זאָל די שיין אין אויגן בלינדע!
עס זאָל דער מדבר מער ניט לויערן
אויף בלוט אויף וואַרעמען פֿון אירע קינדער...

# לייגט אַוועק די שווערד

לייגט אַוועק די בלוט-באַשפּריצטע שווערד—
דורך איר ניט אויפשטראַלן וועט דער פרימאָרגן;
ניט איר — דאָס ליד פון ברודערשאַפט געהערט,
ניט אין איר שייד דער שלום ליגט פאַרבאָרגן.

דער חלום דורותדיקער פון באַפרייִנדטע הענט
אויף פעלדער אָנגעזעטיקטע מיט שפע —
וועט ווידער ווערן דען אין מדבר-זאַמד פאַרברענט
ווען ס'וועט קאַנאָן זיין מויל געבן אַן עפן?

וועט ווידער אויסריַען די הייסע יוגנט-זאַפט
און מיטן רויך אַוועק וועט מאַנענדיקע תפילה
צום אויסגעטראַכטן הערשער פון באַשאַף
אין הימלען בלויע, שווייגנדיקע, שטילע?

עס שוועבט ארום דאָך ערגעץ נח'ס טויב
מיט גרינער בלאַט און אין מויל און זוכט אַ מקלט —
זי קוקט אריין אין יעדער קלאָרער שויב,
וואָס איז מיט שוואַרצן פאַרהאַנג ניט פאַרוויקלט...

אריבער גרענעצן זי טראָגט איר גרוס
פון שלווה, דזיער, ניי-געבורט און שפע —
פון מידע הענט די טויט-שווערד לאָזט ארויס
און פאַר דער טויב די פענצטער טוט אַן עפן!...

# ערד און הימל

# יאָר-טויזנטוויז

ראָזעווע פֿאַרנאַכטן
שמייכלענדיק און פֿריידיק
נאָך פֿאַרנאַכטן איילנדיק וויך יאָגן.
פֿאַרנאַכטן,
אויסגעפּוצטע אין קאָלירטע זון־פֿאַרגאַנגען,
פֿאַרשווינדן פֿלאַמענדיק
אין שטערן־אויסגעצירטע טעמפּלען
פֿון דער נאַכט
מיט רז און טרוימען שווער פֿאַרוויקלט
און באַהאַנגען...

ווידער בליענדיקע,
ניי־געבאָרענע פּרימאַרגנס,
און ווידער זון־פֿאַרגאַנגען,
און ווידער סוד פֿון טיפֿער רז
אין נאַכט־לאָקנס פֿאַרפּלאָנטערט
און פֿאַרבאָרגן.

מעת־לעתן — קאַראַהאָדן —
איינס נאָך איינס אין כּישופֿדיקן קרייז:
פֿרילינג־צווויט און האַרבסט־געוועלק,
זומער־פֿרייד און ווינטער־קעלט —
יאָר־טויזנטווייז אַזוי,
יאָר־טויזנטווייז...

וויג־ניגונים, ליבע־טרעלן,
טאַנץ־מוזיק און טרויער־מאַרשן;
זיג־לידער און הימנען,
פּאַסטאָראַלן און אידיליעס,
סערענאַדעס און... עלעגיעס...
— געלעכטער און געוויין —
אַזאַ פֿאַרכּישופֿטער רעפֿריין,
איין צויבער־טראַנספֿאַראַנט
פֿון חידושדיק־צעבליטע
פֿ ו נ ד אָ ס נ יי ע ן.

אָ, וואונדערלעכע רעטעניש,
בראשיתדיקער סוד! ...
די פּים מיינע
פֿאַרוואָרצלטע אין פֿלאַסטן ערדישע,
דער קאָפּ
צו ספֿערן רוימיקע געווענדט:
מיינע זייט איר, ערד און הימל —
אומבאַפֿלעקט זייט,
אומגעשענדט!

כ׳צי אוים מיין רעכטע האַנט אויף רעכטס,
מיין לינקע — לינקס —
אַרומצונעמען פֿעסט
די ליבע, נאָכגיביקע
מאַמע־ערד;
אין פֿרידלעכן פֿאַרפֿלעכט
דערלאַנג איך זיך די הענט.

ניט אָפּגעבן וועל איך באַלעבנדיקע שיין
פֿון קאָסמישן געוועב
דעם אַשמדאי אויף צו פֿאַרלענד,
קיין איין־און־איינציקן גאָלד־פֿלאַמענדיקן
האַרבסט־טאָג,
קיין איין־און־איינציקע שניי־בלענדנדיקע
ווינטער־שעה ...

און דעם,
וואָס גרייט זיך מיט פֿאַרטיליק און צעשטער
אויף מזל־ברכותדיקער,
שפּעדיקער גאָב —
דעם זאָג איך:
**הענט אַראָפּ,**
און ווידער, ווידער, צען מאָל ווידער:
**הענט אַראָפּ! ...**

# די מתנה

והארץ נתן לבני אדם. (תהלים)

גענעבן האָט מען, מענטש, דיר אַ מתנה,
פאַר דיין גענוס — אַ וואונדערלעך געשאַנק:
מיט פעלד און וואַלד, מיט פייגלשן געזאַנג,
מיט רעגן־וואָלקנס — שוועבנדיקע פאַנען.

די גרינע, פרוכטבאַרע יבשה —
מיט קלאָרע טייכן זילבערדיק באַצירט —
דיין הייסער דאָרשט זאָל ווערן אויסגעלאָשן
מיט יעדן טראָפּן, וואָס דיין צונג באַרירט.

די שפּילנדיקע ימען ביי די ברעגן,
— ניט אויסגעמאָסטענע די טיף און ברייט —
מיט שפּייז פאַר דיינע סעודות אָנגעגרייט
און אוצרות דרעמלענדיקע — אַזאַ זעלטענער פאַרמעגן!

דער קיילעך ערדישער אַרומגעוויקלט
מיט אַטמאָספערן — דורכזיכטיק און קלאָר;
און איבער דיר — אַ הימל, בליץ־לאָמפּן אַ פּאָר,
מיט שטערן־דימענטן געהיימניספול צעפינקלט...

איצט טראָגט פון ערד זיך ביז די העכסטע הויכן
אַ בייזער, דראָענדיקער הילף־געשריי —
ווי ס'וואָלט אַ גוסס אין זיין גסיסה־ווייי
פאַרגאַנגען זיך אין קנוילדיקע רויכן...

געגעבן האָט מען, מענטש, דיר אַ מתנה —
און זע, וואָס ס'האָט דיין לוסט פון איר געמאַכט!
פאַרטאַכלעוועט די גאָט־געבענטשטע פּראַכט
האָסטו אַליין ביז גאַרניט צו דערקענען...

דער זיסער פרוכט־בוים און דער טרילער־פויגל,
דער ים־ברעג און דער קלאָרער וואַסער־קוואַל —
פאַרציט האָסטו איבער זיי אַ גיפטיק־גרויען שאַל,
אַזש דיר אַליין ער גראַבלט אויס די אויגן.

אומזיסט זיינען די רייכטימער געשאַפן?
דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס — געמייסטרעוועט אומזיסט?
וועט ווידער ווערן אַלץ דאָ ווילד און וויסט
פאַר קיינעם צו געניסן און צו גאַפן?

ביסט דאָך אַליין דער מישער און צעזייער
פון לייב־און־לעבן פרעסנדיקן גיפט;
צעשיפער, מענטש, די וואָרנדיקע שריפט
און רייס אַרונטער סם־המוותדיקן שלייער!

פאַרהיט — און צייט — דאָס וואונדערלעך געשאַנק,
וואָס אָנפאַרטרויט האָט מען דיין גבורה און דיין שכל;
פון דיין געצעלט, ווי פון אַ פייערלעכן היכל,
זאָל טראָגן זיך אַ לויטערדיק געזאַנג!

# אין איין טאָג

אין איין טאָג האָט דער בורא באַשאַפן דעם מענטש
און האָט אים פאַרשאָלטן און האָט אים געבענטשט:
מיטן שווייס פון דיין פנים זאָלסטו עסן דיין ברויט
ביז אויסלייזן וועט דיך מיט רחמים דער טויט...

יאָר־טויזנטער האָט ווער געטראָגן זיין לאַסט,
ער האָט זי געטראָגן און האָט זי געהאַסט;
זיין רוקן — געבויגן, געקאָוועט — זיין טראָט,
געשמידט אין פאַרגליווערטער קייט פון געבאָט.

נאָר טרעטנדיק האַרט אויף חער גנעדיקער ערד
האָט ער זיך געחידושט... און האָט זיך פאַרקלערט...
און קלערנדיק טיפער — געבליבן פאַרגאַפט
פון אַלץ, וואָס זיין אייגענער כוח באַשאַפט:
דאָס ברויט פון דער ערד און פון טרויבן דעם וויין,
דעם פּלאָם — אונטער קאָך־טאָפּ, אין שטיבל — די שיין;
דעם וואַרעמען מלבוש אויף נאַקעטן לייב
צו געבן די נעץ און די קעלט אַ פאַרטרייב...
מיט פען און זיין האַנט אויסגעקריצט זיין געמיט
אויף שטיינער און פאַרמעט — מיט טאַנץ און מיט ליד.

ער האָט זיך מיט פייגל פאַרמאָסטן אין רוים,
און איבערגעשפּרונגען זיין אייגענעם טרוים —
ווי אין חלום — געטאָן אויף לבנה אַ שפּאַן...
מיין גאָט, וואָס איז נאָך צו דערגרייכן פאַראַן...?

פון געטלעכער קללה פאַרמשפּט, פאַרהאַסט —
געלייטערט געוואָרן איז מענטש דורך זיין לאַסט,
פון געטלעכן אוצר דעראָבערט די קראַפט:
צען־טויזנט מאָל שטאַרקער פון קוילן און נאַפט;
מיט איר אין די זיכערע, קרעפטיקע הענט
צעשפּרייט ער די פליגל — צום מאָרגן געווענדט...
אַ שותּף אַ גלייכער צום האַר פון אין־סוף —
פאַרוואַנדלט אין ברכה די געטלעכע שטראָף...

איצט... שטייט ער פאַרחידוש, פאַרגאַפט און דערשטוינט,
מיט שפע פון כוח און חכמה באַקרוינט:
צי וועט ער פאַרמשפטן גנעדיקע ערד
אויף אייביקן, פרוכטלאָזן, וויסטן צעשטער,
צי גבורהדיק־קלוג, מיט באַשלומטער מי —
פאַר׳גן־עדנ׳ען זי מיט צעבלום און צעבלי...?

זאָל בלייבן אויף אייביק דאָס ברכותדיק ליד
און זינגען זאָל ערד אונטער מענטשלעכע טריט.

# נעכטן, היינט און מאָרגן

ווי ס׳שטראָמט דער טייך מיט זיין גערויש
צום ים צום ווייטן נאָכן רעגן —
גייט יעדער היינט געשווינד פאַרבאַוים
דעם מאָרגן יונגינקן אנטקעגן.

די רעגס — מאַסנווייז, געדיכט —
זיי ווילן זיך אריבעריאָגן;
זיי שלעפּן־מיט אויך דעם, וואָס קריכט
נאָך אַלץ אויף קרעכצנדיקן וואָגן...

ס׳קומט אָן דער מאָרגן, ווי אַ קינד,
און באַלד פאַרשווינדט אין ים פון נעכטנס —
דאָס הייסע בלוט — נאָך פון אים רינט
מיט איינגעהאַלטענעם געלעכטער....

דער נעכטן טראָגט זיך שווער אַוועק,
ער האַלט דעם היינט אויף קייט געבונדן;
ניט גרינג איז יונגן טאָג אין וועג
מיט שווערער לאַסט פון אַלטע וואונדן...

דער מאָרגן מאַניעט דאָך פון ווייט
און לאַקט מיט אַלע צויבער־פאַרבן;
ער מורמלט סודותדיק פאַרשייט:
איך וועל פאַרגלעטן אַלטע קאַרבן.

עס פליען אַלע היינטס פאַרביי,
ווי פייגל צו די אונטער־נעסטן;
און יעדן טאָג כ׳הויב אָן אויפסניי
ווי גיין כ׳וואָלט איינעמען אַ פעסטונג...

# טרעט אָפּ, מיין שטאָט...

טרעט אָפּ, טרעט אָפּ מיין שטאָט, מיט דיין געפּילדער,
מיט דיין פאַרנעפּלט-גרויען אויבערדעק;
איך גיי פון דיר צום ווילדן, וויסטן מדבר,
צו ראַטעווען צוויי יום-טובדיקע טעג.

אין שעהען רואיק-צאַרטע פון פאַרנאַכטן
וועל איך פון וויטן קלאָרער דיך דערזען:
דעם שאָטן-ליכט-געראַנגל איבער דיינע שליאַכן,
די שאָטן-ליכט געפּעכטן צווישן דיינע ווענט...

איך וועל דיך ניט, ווי אַנדערע פּאָעטן,
פאַרשילטן, מעכטיק-ברויזנדיקע שטאָט;
אויך ניט מיט ווערטער זיידענע פאַרגלעטן
די בייז די נאַקעטע אויף יעדן טראָט.

פון אַלע הייכן בלענדן דיינע שילדן,
זיי רייצן איינגעדרעמלטן באַגער;
אין לויף-געווען, קיינמאָל איינגעשטילטע,
איז האַרטער פּויסט דאָס וואָכיקע געווער.

וואָס העכער דיינע וואָלקן-קראַצערס שטעכן
אין דעם באַזיגטן הימל זיך אַריין —
אַלץ טיפער אין פאַרדלותדיקע לעכער
עס גראָבן זיך דער חושך און די פּיין...

עס נאַרן דיינע גלאַנציקע וויטרינען,
דיין נעאָן-ליכט דאָס שרייענדיקס נאַרט אָפּ;
דאָס שטיקל גליק — עס האַלט אין איין אַנטרינען —
עס נידערט ניט אין קעלערן אַראָפּ...

וואו זיינען דיינע הייליקע „מלאכים“,
וואָס רימען נאָמען דיינעם איבער לאַנד?

זיי שיקן אַלץ נאָך פון די טעמפּלען זייער ברכה
צו דעם וואָס האַלט די שפּיץ אין זיין האַנט...

איך וועל דיך, שטאָט צעוואַלגערטע אין טאָלן,
ניט קאַטעווען מיט מיינע האַרבע רייד,
(כאָטש האָסט אויף דיינע מילשטיינער צעמאָלן
פיל יאָרן מיינע הפקרדיקערהייט...)

איך האָב דיין רויש אין גלידער איינגעזויגן,
מיין אָטעם אָנגעשיכּורט האָסט שוין לאַנג;
איך זע דיך קלאָר מיט ניט־פאַרבלענדטע אויגן —
נאָר ס'טוט אויף מיינע יאָרן מיר ניט באַנג.

איך ווייס: דו וועסט אַמאָל זיך נאָך צעשיידן
מיט הפקר, מיט בזיון און מיט בייז;
עס וועלן דיינע גאַסן אַנדערש זיך צערײדן
מיט קלאַנגען פון אַ נייעם אלף־בית...

אַרויסגיין וועלן אַנדערע מלאכים
און איבער דיר אַ שפּאַן־טאָן, שטאָט, מיין שטאָט;
פון לאַב* און שאַכט, מאַשין־געשטעל און יאַכן —
וועט איבער דיר אַ זינג טאָן זייער טראָט!

כ'וועל אָפּווישן אין זוניקן געראַנגל
דעם אַלטן מדבר־שטויב פון מיינע טריט;
אין כאָר פון דיינע זיגרייכע געזאַנגען
אַריינ'תּפֿילה'ן וועל איך מיין אויסגעחלומט ליד.

נאָר איצטער — גיי, טרעט אָפּ, טרעט אָפּ אַהינטער,
דו, גרויס־שטאָט, מיט דיין גרויסן אויבערדעק;
ווי ס'ראַטעוועט אַ מאַמע אירע קינדער,
כ'וויל ראַטעווען צוויי יום־טובדיקע טעג...

---

*) לאַב־לאַבאָראַטאָריע.

# אַ נאַכט אין מדבר

אַ גאַנצע נאַכט געבושעוועט אין מדבר האָבן ווינטן,
ווי בייזע רוחות, אַפּגעלאָזענע פון קייט;
באַפאַלן זיינען זיי דעם הויפּל דעם צעגרינטן,
דאָס שטיבל דאָס צעלויכטענע,
די אָונטערדיקע פרייד.

זיי זיינען פון באַשנייטע בערג-שפּיצן אַרונטער
מיט רוגזה אָנגעכמורעטע, מיט וועלפישן געבריל,
צוזאַמען, כאַפּטעסווייז,
צעשפּליטערטע, באַזונדער—
אין הפקרדיק-צעווילדעוועטער שפּיל.

געשיקט האָט מדבר זיינע אייביק-טרייע דינער
איף אויסוואָרצל, פאַרטיליק און פאַרלענד;
באַהערשט פון אומזין און פון שנאה —
געשטורעמט האָבן זיי די שטיבלדיקע ווענט.

אין ווילדער נאַכט
געטרייסלט האָבן ווי די שויבן,
די שטאָלצע פּאַלמע קרעכצנדיק געוויגט;
און זי האָט אירע בלעטער-פליגל אויפגעהויבן,
ווי זי וואָלט הילף-סיגנאַלן ערגעץ-וואו געשיקט...

פאַרטאָג אַנטשוויגן האָט דער אויסגעשעפּטער מדבר,
ס'האָט היים געאָטעמט אויפגעוואַכטע ערד;
די גרינע פּאַלמע, אַ פאַרקלערטע, מידע,
האָט אין דער בלויער ווייט זיך איינגעהערט...

אין שיין אין אויפגעהעלטער פון באַגינען
געוואַלגערט האָט זיך וואו
אַ בלעטל אַ פאַרגעלטס;
אַ מדבר-פלאַנץ,
וואָס איז ומסתם אַראָפּ פון זינען,
האָט הפקרדיק געדרייט זיך אויף דער וועלט...

# פאַרברעכן און שטראָף

(באַלאַדע) „פּרו ורבו ומלאו את הארץ" (בראשית)

## די אסיפה

גערערט האָט מען ווינטן פון אַלע פיר זייטן
זיך יאָגן און איילן, ווי בלינד־ווילדע רייטער;
צעווינגן די ביימער, די גאַס־שטויבן דרייען,
דעם רויך פון די קוימענס אויף מיילן פאַרווייען;

זיי וואַלגערן בוואַליעס אויף אַלע זעקס ימען,
זיי ברעכן מיט גבורה די קרעפטיקסטע צאַמען;
זיי רעווען אויף בערג און זיי פייפן אין טאָלן
און מעכטיקע פעלזן אויף זאַמדן צעמאָלן...

די וועלט די פאַרהאַוועטע, רוישיק־צעקאַכטע,
מיט גדלות אין האַרצן אַ גייציק־פאַריאַכטע —
געשטוינט האָט פון ווילדן געוואַי און געררודער —
ווי ס'וואָלטן זיך פלוצים צעהוליעט ניט־גוטע...

דאָס האָבן געהיים און פון אויגן באַהאַלטן,
אין אונטערערד־היילן, אין בערגיקע שפּאַלטן,
צוזאַמענגעקליבן זיך בייזע שטאַפּעטן
אין איילעניש גרויסער, ווי נאָר אויף געוועטן;

דאָס האָט מאַמע־ערד — אין איר צער־און־צאָרן —
די גייסטער, וואָס זי האָט פאַרצייטנס געבאָרן,
צוזאַמענגערופן צו אָט־דער אסיפה
פון ספערישע הויכן, פון אָפּגרונטן טיפע;

צו הערן ידיעות און עצות זיך האַלטן —
זאָל אַלץ אויפגעדעקט ווערן, גאַרנישט — באַהאַלטן.
פאַרטרויען זיי עפּעס און עפּעס זיי מעלדן,
די טרייע באַהעלפער, די שרעקלאָזע העלדן.

# דער פֿאַרברעך

אַ זאַלפּ פֿון אַ דונער פֿאַרשטילט אַלע היילן —
דער האַר פֿון די ספֿערן הויבט־אָן צו דערציילן ;
דער האַר פֿון די ספֿערן — אַ וואָלקן אַ גרויער —
פֿאַרוויקלט מיט צער און פֿאַרצוייגן מיט טרויער:

„זיי סמ׳ען מיין אָטעם אין שעהען אין העלע,
די שטערן די ליכטיקסטע זיי מיר פֿאַרשטעלן ;
עס רינען מיר טרערן, ווען ס׳ווילט זיך מיר פֿרייען,
דער רויך און דער טשאַד מײַנע בליקן פֿאַרווייען ;

עס שטאַרבן אין וועלדער די ריזיקע ביימער,
עס שטאַרבן די זינגער, די פֿייגעלעך, ווי מיר !
עס חרובֿן פֿעלדער און פֿרוכט־ביימער שמאַכטן
פֿון סמ׳ען פֿון טויטלעכע, קונציק־פֿאַרטראַכטע..."

עס הערט מאַמע־ערד און עס שפּריצן איר פֿונקען
פֿון אויגן פֿאַרטרערטע, איר קאָפּ — איינגעזונקען ;
און ווידער אַ זעץ פֿון אַ דונער אין היילן —
דער האַר פֿון די ימען — ער הויבט אָן דערציילן :

„די וואַסערן מײַנע, אָ, מוטער געטרייע,
געדענקסט, ווי זיי האָבן זיך, פֿרישע און פֿרייע,
געשפּיגלט מיט הימלס געבענטשטע מתנות,
מיט שטראַלן פֿון זון, מיט פֿאַרטרוימטער לבֿנה ?

איצט ווער איך מיט ברוכוואַרג דערשטיקט און דערוואָרגן,
איך קאָן מײַנע קינדער מיט שפּייז ניט באַזאָרגן ;
איך וואַש מײַנע וואונדן, און קאָן ניט דערוואַשן —
אומזיסט איז מיין רוישן, אומזיסט אין מיין רעשן.

איך וואַרף זיך אויף אָפּפֿאַל־געחורבעטע ברעגן :
„פֿאַר׳סמ׳ט ניט מיין לעבן, מיין רייכן פֿאַרמעגן !"
נאָר טויב איז דער מענטש צו די וואָרנונג־סיגנאַלן,
ווי ער וואָלט אין אומזין אויף אייביק פֿאַרפֿאַלן...

עס הערט מאַמע־ערד... אירע מוטערשע אויגן
מיט טרערן מיט טיפֿן זיי ווערן פֿאַרצויגן:
וועט קיינער שוין מער אירע ברכות ניט דאַרפֿן?
וועט אומקום אַ שוואונג־טאָן זיין שווערד איצט זיין שאַרפֿן?

סעת־לעתן געציט האָט זיך דריי די אסיפֿה
אָן ווערטער פֿון גאווה, אָן רייד פֿון חניפֿה;
דער אמת געהילכט האָט פֿון אַלעמענס ליפּן,
פֿון אַלע, וואָס האָבן אין הייל זיך פֿאַרקליבן.

(עס איז דאָך באַוואוסט: ס'קאָן נאַטור ניט פֿאַרליידן,
ווען שקר וויל אמת פֿון לעבן פֿאַרביימן;
נאַטור קאָן קיין פֿאַלשקייט ביי זיך ניט פֿאַרטראָגן,
דעם ליגנער וועט זי פֿון איר פּנים פֿאַריאָגן...).

## דער אורטייל

נאָך לאַנגע מעת־לעתן, אָן וואַקל, אָן רחמים,
געווענדט האָט זיך ערד צו פֿאַרביטערטער מחנה:
„אַמאָל, ווען מיין לאַווע איז גליאיק געפֿלאָסן,
האָב איך מיט דער זון־ראָד אַ שותּפֿות געשלאָסן:

די ליבשאַפֿט אויף אייביק זאָל ביידן אונדז בינדן,
און מעגן די שטערן זיך לעשן און צינדן —
איך וועל אין מיין אַרביט זי אייביק באַגלייטן,
קיין הגע ניט אָפּטרעטן איינער פֿון צווייטן.

די זון וועט מיר שטראַליקייט ברייטהאַרציק שענקען,
וועל איך אין איר חסד זיך באָדן און שווענקען,
ביז כ'וועל זיך באַפּוצן מיט ימען און טייכן,
מיט וועלדער און פֿעלדער, מיט פֿרוכטבאַרע־רייכע.

באַוויליקט האָט צייט מיינע אַלע באַגערן;
נאָר ווער זאָל אַלץ אויף מיין קערפּער געהערן?
קיין נפֿש ניטאָ צו געניסן די שפֿע...
דאָן האָב איך מיין טראַכט פֿאַר דעם מענטשן געעפֿנט.

גיי, קינד מיינס, געניס, שעפּ זיך אָן מיט הנאה
פון אַלץ אונטער ליכטיקע הימלען און בלויע;
פאַרמער זיך און פּרוכפּער זיך, דורות זיך זאָלן
דאָ קייטלען אין רחבותדיק־פּרוכטבאַרע טאָלן...

נאָר מענטש האָט באַדעקט מיינע ערדישע פלאַכן
מיט שנאה און שרעק צווישן שטאַרקן און שוואַכן;
ער טראָגט זיך מיט טויטלעכע אומקום־כּלי־זיין,
ווי ס'וואָלט מיין עשירות פאַר אַלע ניט סטאַיען.

איך וויק זיך אין בלוט און איך טרינק זיך אין טרערן,
זיי ברענען מיין האָב און מיין רייכטום צעשטערן..."
די ערד האָט גערעדט... און נאָך לאַנגע וויכּוחים
צעיאָגן זיך גיך די געטרייע שלוחים;

און מיט זיך זיי טראָגן אַ סוד אַ געהיימען,
וואָס וועט זיך באַצייטנס אַנטפּלעקן און היימען;
און קיינער אויף דעם וועט ניט האָבן קיין שליטה,
ווי ס'וואָלט דער געזעץ פון נאַטור זיך געביטן...

## די שטראָף

אַזוינס צווישן מענטשן איז קיין מאָל פאַרלאָפן,
אַ שטראָף אַט אַזאַ האָט זיי קיין מאָל געטראָפן:
עס פירן זיך ליבעס, מען היצט זיך, מען האָוועט
און חתונות פריילעך, ווי שטענדיק, מען פראַוועט.

נאָר אומעטיק זיינען דערנאָך יונגע ווייבלעך,
די אויגן פאַרחמאַרעטע, ווי פינצטערע שייבלעך;
קיין שטוים פון אַ העַנטל, קיין שטופּ פון אַ פיסל —
אַ ליידיקער בויך, ווי אַן אויסגעהוילט שיסל...

ס'איז קאַליע געוואָרן די איי און דער זאָמען —
אַ מחלה — אַ קללה, אַ קרענק אָן אַ נאָמען;
ניטאָ קיין רפואה, ניטאָ קיין רעצעפּטן,
עס שמאַיען דאָקטוירים, ווי הינער געקעפּטע:

ס'קאָן איינס זיך מיט צווייטן אין טראַכט ניט באַהעפטן
און ס'גייען פאַרלאָרן פון ליבשאַפט די קרעפטן;
זי ברענגט ניט, די ליבע, געבורט־ווייען זיסע,
ווי ס'לעבן־קוואַל וואָלט זיך אויף אייביק פאַרשליסן.

די ליבע — זי ברענגט ניט די פרוכט די געגאַרטע,
זי בלייבט פון איר מי אַ פאַרשעמט־אָפּגענאַרטע;
עס גילט דער „דור הולך", נאָר ניט דער „דור בא" מער,
ווי ס'וואָלטן די הימלען גענומען נקמה...

עס לייגן זיך שטיינער אויף האַרץ און נשמה,
פאַרלאָרן האָט זיקנה די טרייסט און נחמה:
עס ווערן די זקנים, ווי אַלמאַל, נפטר,
אָן נחת פון קליינוואַרג קונדייסימלעך־שטיפער.

די אַלטע — זיך עלטערן, ס'וואַקסן די יונגע,
נאָר ס'האָט זיך קיין קינד ניט צעשריען, צעזונגען;
עס האָרן איין פאַרלעך, ווי טרוקענע צווייגן,
אַ יאָר נאָך אַ יאָר — און די וויגעלעך שווייגן;

עס פּוסטעווען שולן, די שול־הויפן שטומען,
די באָבעס און זיידעס פאַראומערטע ברומען;
און הערשער געקרוינטע, באַזיגטע און זיגער,
זיי נישטערן לענדער פאַר זעלנער און קריגער.

מען בויט ניט קיין הוימען; צו וואָס און פאַר וועמען?
די ווינטן אויף סקווערן די שטויבן צענעמען;
פאַרגליווערט די צייט איז; די וויזערס פון זייגער
פאַרפאַרענע שטייען, ווי ניט זייער שטייגער.

מען דאַרף ניט קיין מעבל, קיין טויזנט מכשירים,
צו וואָס און פאַר וועמען די היימען באַצירן?
עס דרייען זיך קוים די פאַבריקישע רעדער —
מען דאַרף ניט פאַרזאָרגן מער קיינעם אויף שפּעטער;

דאָס אַקערן, זייען — דעם טעם האָט פאַרלאָרן,
דער פרוכט־בוים אין סאַד, ווי אין אויגן אַ דאָרן;
די שטראַלן פון טאָג נאָר די וואונדן צעשפאַרן,
די נאַכטיקע רו פרעסן־אויף די קאָשמאַרן;

עס האָבן צו גאַרנישט די הענט זיך גענומען
זינט ס'איז, ווי פון הימל, די גזירה געקומען;
אין אַנבליק פון אומקום איז קנאה אַנטרונען
און ליבשאַפט האָט ווידער די הערצער געוואונען;

ניטאָ קיין אַרמייען, עס זשאַווערן וואָפן,
אין רוימען — קיין פייגל מיט טויטלעכע שטאָפן;
די פעלקער מיט הונדערטער פרעמדע לשונות
אַנטפּלעקט האָבן איינער דעם צווייטנס גאונות;

מען וואַרפט ניט אין ימען — ניטאָ וואָס צו וואַרפן,
כאָטש צופיל איז אַלץ נאָך, וואָס אַלע באַדאַרפן;
ס'איז דורכזיכטיק־קלאָר אין די רוימישע ספערן
און מענטש זוכט באַשייד פון דער שטראָף ביי די שטערן...

## ווידערגעבורט

אַט דאָ, ווען עס האָט שוין דעם פונק פון בטחון
גענומען זיך לעשן — געשאַלט האָט נצחון
מיט פרייד מאַמע־ערד און די פינצטערע גזירה
אַרונטערגענומען; און ווידער די ברירה

דעם מענטש אין זיין אייביקן זוכן געגעבן:
אויף אייביקן אומקום, צי אייביקן לעבן...
די ערד איז אַ מאַמע; זי שרעקט אירע קינדער
נאָר ליבט זיי מיט ליבע מיט מוטערשער, בלינדער.

זי וועט ניט פאַרמשפּטן זיי מיט קיין שטראָפן
אָן פונק פון בטחון, אָן שטראַלן פון האָפן;
און ווידער און ווידער, אין ליבשאַפט אין הייסער
זי בייטט אויף אַ קיום צו די גזירה די בייזע.

דו ליב זי — און זי וועט מיט שפע דיך בערן,
דו ליב זי — און זי וועט א מאמע דיר ווערן;
פארוויסט ניט איר שאפונג, די פרוכט פון איר ליבע,
ראם אוים פון דיין הארץ דעם גייציקן פיבער...

עס שווייגן שוין מער ניט די קינדערשע וויגן,
עס טראגט זיך פון אויפריכט א פריילעכער ניגון;
עס שיינען די בליקן פון חתן און כלה —
ווי גוט איז צו מוטערשאפט ווערן נתעלה!

עס טומלען די באבעס, עס שמייכלען די זיידעס,
זיי זיינען פון נסים די גלויביקע עדות;
עס זינגען די פייגל אין וועלדער און סעדער,
עס קלאפן די האמערס, עס דרייען זיך רעדער...

עס היילן זיך גיך אין נשמות די וואונדן,
ווען איינער צום צווייטן מיט הארץ איז פארבונדן;
און אויב ס'וועט דעם נעכטן דער מענטש ניט פארגעסן —
די שיין פון זיין גליק וועט זיך קיין מאל פארלעשן.

# אַ גרוס צו דער לבנה

איך שיק אַ גרוס דיר,
אומרואיקע ערד;
איך וויל מיט דיר אַ שמועס טאָן,
ווי שכנים.
אַן אייביקייט שוין לעבן מיר אינאיינעם,
ווי ס'וואָלט איין גורל אונדז געווען באַשערט.

אַרום דער זון, אין צירקלדיקן וועג
כ'בין אייביק
דיין באַגלייטערין געטרייע;
כ'האָב קיינמאָל נִיט געפּאַכעט מיט כלי־זיין
אין אונדזער אומצעשיידבאַרן געיעג.

איך האָב די נעכט דיינע, די טונקעלע,
באַצירט מיט זילבער־שיין,
מיט בענקשאַפטן און טרוימען;
איך האָב געזייט די ערשטע ליבע־זוימען
אין דיינע קינדער איבער מיין שפּאַציר...

אַריינגעשיינט האָב איך
אין מענטשנס בליק —
איז ער געוואָרן גוטמוטיקער, צאַרטער;
נאָך לאַנגע טעג, אַכזריותדיקע, האַרטע,
האָב איך מיט רו פאַרוויגט אים
און דערקוויקט.

כ'האָב לאַנג געבענקט נאָך מענטשלעכן באַטראַט
אויף מיינע הוילע, קראַטערישע פלאַכן:
נאָך ליד־געהילך,
נאָך יוגנטלעכן לאַכן,
נאָך וואַלד־גערויש
און אויפגעברויז פון שטאָט...

נאָר צוגעקוקט האָב איך זיך,
שוועסטער מיינע, ערד,
צום זיגזאַג גאַנג פון דיינע קינדער:
צו די פאַרזייער, בויער און די אונטערצינדער,
צום גרינעם אויפבלי און —
צום פלאַמיקן צעשטער...

איך האָב געטענקט... נאָר מער
געשראָקן זיך
פאַר אַלדאָס בייז, וואָס הויערט
אויף דיין באָדן:
ביסט מיט אַזויפיל גרויזאַמקייט באַלאָדן,
אַז ס'ווילט זיך אָפּט פון שאַנד
פאַרבאָרגן מיין געזיכט...

אָ, שיק מיר ניט קיין אויסשפירער־שטאַפּעט
מיט דראָאונגען,
מיט שנאה און מיט פלינדער,
נאָר דעם אַנטפּלעקער און דערפינדער,
דעם טרוימער און פּאָעט.

פאַר זיי וועל איך אַנטפּלעקן איצט דעם סוד,
וואָס האָט אין מיר אַן אייביקייט געשוויגן —
אויב דו באַגריסן וועסט מיך
מיט אַ שלום־דיקן ניגון
ווען שטעלן וועלן זיי אויף מיר
דעם ערשטן טראָט.

דאַן וועל איך ווייטער אויך
אַראָפּלויכטן אויף דיר
מיט זילבער־בענקשאַפטן,
מיט זילבער־טרוימען,
און שפּילן וועל איך זיך
מיט דיינע כוואַליענדיקע ימען
אויף אונדזער אומצעשיידבאַרן שפּאַציר...

## לערן זיך גיין אויף דער ערד, ווי אַ מענטש

„קל כנשר, רץ כצבי וגבור כארי" — (פרקי אבות)

אַ, מענטש,
באַוויזן האָסט אַזויפיל נסים,
זינט ביסט אַרויסגעקראָכן פון דער הייל
און פונעם וואַלד;
די ווילדע חיה־פעל האָסטו פון זיך געריסן
און קוים אַרויפגעצויגן דאָס „געטלעכע" געשטאַלט...

דער הימלדיקער שטערן־גלאַנץ
האָט דיך באַצויבערט;
מיט קנאה האָסטו אָנגעקוקט דעם פויגל
אין זיין פלי;
דו האָסט געטרוימט ביז צו לבנה זיך דערהויבן —
נאָר ס'האָט די ערד,
ווי מיט אַ קייט,
געבונדן דיינע קני.

פאַרגאַפט האָסטו באַטראַכט די רוישנדיקע ימען,
דעם פיש,
וואָס פריי אין זייער תהום שפּאַצירט —
ווי רוים פאַר פליגל־פלי,
איז ים פאַר אים אַ גערעמער,
מיט שפּע נאָך פון קיינעם ניט באַרירט...

און איצט ? —
ארומגענומען האסט מיט ארעמס די לבנה
און אויסגעקושט איר זילבערדיק געזיכט ;
דער אדלער טרעט דיר אפ דעם וועג,
ווי א מתנה ;
דער הירש אין זיין געלויף
קוקט אן מיט קנאה דיך.

דער וואלפיש האט זיין קעניגרייך פארלארן,
ווען דו האסט זיך דערגרונטעוועט
צום אפגרונט-דעק פון ים —
ביסט דארטן אויך
דער הערשער דער אלמעכטיקער געווארן
און אפגעראמט פאר טראט דיינעם אטאמישן
א יעדן צאם ...

וואס נאך געבליבן איז דיין כוח צו באצווינגען?
מיט וואס פאר א געשאנק
דארפסט ווערן נאך געבענטשט?
אין הארץ דיינעם זאל אמת זיך צעזינגען
און אויף דער הארטער ערד
א גיי-טאן זאלסטו ווי א מענטש ;

און ווי א מענטש — א צווייטן ניט בארויבן
פון קלענסטן טראפן אויסגעבענקטן גליק ;
דו זאלסט נאך העכער זיך דערהויבן
און קיינמאל מער
אין חיה-הייל
אן איינזאמער אריינקריכן צוריק ...

# לבנה-שטויב

און נאָך אַ מאָל —
אַ טראָט אויף דער לבנה,
און נאָך אַ מאָל —
אַ זעקעלע מיט שטויב;
און ווידער אַ פאַרחידושטער קוקסט אָן אים,
דעם גרויסן סוד, מיט קוועלנדיקן לויב.

ביסט צוגעשמידט
צום וואונדער-בילד דעם ווייטן
און גאַפּסט פון דעם הצלחהדיקן נס;
נאָר פלוצים —
די געמעלן אויפן גלאָז זיך בייטן
און טוען דיין באַרוישונג אַ פאַרלעש:

אַ שטרוי-דאַך אונטער טאַנצנדיקע פלאַמען,
אַ רייז-בייט אַ צעטראָטענע פון טאַנק,
אַ גוססל אין אָרעמס פון אַ מאַמען,
אַ עדה אויסגעקוילעט אין געפאַנג ...

דיין בליק זיך וואַקלט צווישן מאָרד און וואונדער,
דאָס האַרץ זינגט לויב
און שרייט: פאַרדאַם!
אַ, זע, זיי פלאַטערן צוזאַמען און באַזונדער:
דער שפּאַן אויף דער לבנה,
דער גרויל אין וויעטנאַם ...

דער וועג צום שלום-טיש — איז ווייטער פון די ספערן?
איז טייערער פון בלוט — לבנה-שטויב?
מוז יום-טוב זיך פאַרביטערן מיט טרערן?
מוז מאַמע-ערד פאַרמשפּט זיין
אויף פייער און אויף רויב?

א. גלויב,
עס וועט דער מענטש א ברודער אינעם מענטש
דערקענען
און פריי צעעפענען פאר אים
זיין הארץ און טיר;
און ווען ער וועט באטרעטן ווידער די לבנה —
באגלייטן וועט נאר פרייד
זיין הימלשן שפאציר...

# שוועדע טריט

## דעם חשבון דעם לאַנגן...

דעם חשבון דעם לאַנגן פון שווערע מעת-לעתן —
צו וועמען אים שיקן ביים סוף פונעם יאָר?
עס קאָן אים דער בייזער געשפּענסט ניט פאַרלעשן,
ער פלאַמט אויף צעשמיסענעם לייב פון מיין דור.

דאָס צעטל איז לאַנג און אַ בלוטיק-געדיכטער,
ער ציט זיך אַריבער יבשה און ים —
נאָר רואיק געדרעמלט האָט האַנט פונם ריכטער,
ווען ס׳לאַנד האָט די אויפגאַנג-זון שיעור ניט פאַרזאַמט...

פאַרבאַרגענע פינגער געגרייט האָבן פונקען
טיף אונטערן צודעק פון ווייסן קופּאָל;
מיט רויביקע שאָטנס געגרייט זיך פאַרטונקלען
די צאַנקענדע שיין איבער שלאָפנדן טאָל...

אהינטער דעם שווערן באַגילדטן פרוכת
האָט שקר דעם כיסא-הכבוד באַזעצט;
דעם אמת פאַרטוויכט מיט ניט דאַאיקע ריחות —
צו פאַנגען אים גרייט אין זיין ברודיקער נעץ.

דער אמת זיך האַנגלט אין נעץ פון פאַרשווערער,
נאָר ס׳ליאַרעמט דער שקר: מיין שטול ריר ניט אָן!
פאַרשוועך ניט פון כיסא-המלכות די ערע,
מיין טעמפּל איז הייליק, ס׳איז הייליק מיין טראָן!

דער פאַרהאַנג — צעשפּליטערט, די נעץ איז צעקרישלט,
דער פּרצוף פון שקר איז נאַקעט-אַנטבלויזט...
אַ, וועכטער, דו פאַלק, מיט דיין גאָלדענעם שליסל —
פאַרהיט פון געשפּענסטער דיין רחבותדיק הויז...!

* * * * *

דער נעפּל צעגייט... נאָר איז נאָך ניט צעגאַנגען
אין שיין אינעם גרויען פון נייעם באַגין;
דעם שקר — אין נעץ פון זיין רישעות געפאַנגען —
דערלאַנג אים די פלאַמיקע שריפט פון פּסק-דין!...

# שוועסטער מיינע, טונקל-הויטיקע

„שחורה אני ונאוה״— שוואַרץ בין איך און שיין (שיר השירים)

שוועסטער מיינע, טונקל-הויטיקע,
באַ׳חנ׳טע,
מיט ליבשאַפט ניי-געגעבענטשטע און געקרוינטע;
אַרויסגעריסענע מיט שטאַהדיקע פינגער
פון פריש-צעבליטער בייט
פון דיין געפּלאָגטן פאָלק —
עס זינגט צו דיר אַ צאַרנפולער זינגער
מיט יעדן ציטער פון זיין קול.

די טיפע שיין פון דיינע בליצנדיקע אויגן
באַלויכטן האָט דיין לעבנס-וועג
מיט דורכזיכטיקן בלענד;
דער שטאָלצער הויב פון דיינע מאַנענדיקע הענט
אַ שניט געטאָן האָט אויף די קרישלדיקע
שקרים-ווענט;
און דיינע קלאָרע, שכלדיקע רייד
געצונדן האָבן אַרום דיר
צעהעלטע פרילינג-פונקען
פון קיינמאָל ניט-דערגרייכטער פרייד...

ס׳האָט יוגנט-בענקשאַפט,
לעכצעניש און גאַרונג
— אויסגעטראָגענע אין אינגעווייד פון דורות —
ניט מער געלאָזט זיך אין דיין האַרץ,
ווי אין אַ טורמע-צעל,
פאַרשפאַרן.

ווי איבער גלאז א דימענט א געשליפענער,
האט דיין באטראכט ארייננעשניטן זיך
אין קנויל אין אנגעהארבעטן
פון יא און ניין
דו האסט ארייננעביסן זיך
מיט דיינע פערלדיקע ציין
אין יאדערדיקער וואר —
איז אויפגעגאנגען פיינלעך־קלאר
דער וועג דער איינציקער
פאר אונדזער ראנגלענדיקן דור...

די ברייטע,
טרערן־אנגעפילטע מיסיסיפי,
וואס האט דיין קינדעריש געהער
מיט שרעק פון לינטשעריי געוועקט —
זי ברענגט מיר דורך די שלאפלאז־לאנגע נעכט
צום ברעג פון פאר־אקטאבערישער בערעזינא,
וואו ס'איז אין אנהויב פון יארהונדערט
געשטאנען אומבאשיצט מיין קינדער־וויג.

מיר זיינען שותפים אומצעשיידטע
שוין פון לאנג
אין מיד־ניט־ווערנדיקן גאנג
צו אויסגעלייטערטע בלוי־הימלדיקע טעג.

דער ביטערער צוימען־וועכטער,
קייטן־שמידער —
ער וויל צעפליקן טרוימען־נעסט,
וואס רוישט מיט לידער אין דיין הארץ;
און עקשנקען ער וויל דיין מיידלשן געביין
צו פייער־שפייענדיקע ראבן
אויף א באגילדטן, ריכטערישן טאץ...

אָ, שוועסטער מיינע, טונקל-הויטיקע,
אין גאַנג צו זון-צעלויכטענע,
מאַגנעטיש-מאַניענדיקע צילן —
ווי לאַנגזאַם-שווער
עס מאָלן פון גערעכטיקייט די מילן ;
נאָר מאָלן — מאָלן זיי
— דורך בלוט און ווײ —
און אויפן שוועל פון מאָרגנדיקע טעג
עס פאַלט דאָס ריינע,
שנייאיק-ווייסע מעל ;
אַזאַ געלייטערטער פאַרמעג,
שיכט נאָך שיכט אין שטייגנדיקן קלעטער
באַרג אַרויף ;
און טויזנט פויסטן קנעטן, קנעטן, קנעטן
אויפגייענדיקע לאַבנס פרייד
ביז נאַכט פאַרגייט,
ביז נאַכט פאַרגייט ...

# נאָך די פּאַראַדן...

די אָפּגעפּלאַטערטע,
צעפּאַלדעווועטע פּאַנען —
זיי רוען איצט, ווי איינגעוויקלטע,
שוין אָפּגעדאַוונטע טליתים.
פון הויפּט-שטאָטס יום-טובדיקן פּנים
איז אויסגעקערט דער מאַרש-געפּילדער
מיט די עסנדיקע שווייסן.

אַוועקגעטראָגן האָט דער ווינט
די וואונטשן פון הצלחה;
עס האָבן איינגעשטילט זיך שוין
די הילכנדיקע פויק-אָרקעסטערס;
די זיגער פון דעם שיעור פאַרלאָרענעם נצחון
פאַרנומען האָבן ווידער זיך
אויף לאַנג-פאַרשולדיקטע פּאַרמעסטן...

די פרייד —
זי בלאָנדזשעט אַלץ נאָך,
ווי אַ פרעמדע,
אַרום די אומרואיקע ראָגן פון די מעטראָפּאָליעס;
עס דריקט די אַנגסט אונטער די יונגנט-העמדער
אויף שול-הויפן,
וואָס סטאַרטשען רויט,
ווי אַנגעשוואָלענע מאַזאָליעס...

עס שטראָמט, ווי פריער, דער פּאַטאָמעק ביי די בּרעגן
און וואַשט און וואַשט און קאָן זיי ניט דערוואַשן;
עס לויערן נאָך אַלץ די פריערדיקע שרעקן
און אַנגעדרייטע ווייזערס דרייען זיך
און רעשן.

ווי לאַנג,
ווי לאַנג וועט וואַרטן אַ פֿאַרשעמטע
די שטילע פֿרייד אַהינטער טויבע טירן?
ווי לאַנג וועט זי,
אַן אָפּגענאַרטע און פֿאַרקלעמטע,
אין פֿראָסט אין דרויסיקן פֿאַרבלייבן נאָך
און פֿרירן...?

עס בענקט דאָ האַרץ אַזוי
נאָך אירע וואונדער טרעלן,
ווי ס'בענקט דאָס אויג
נאָך הימלדיקן לויטער —
אָ, שפּאַן אַריבער, פֿרייד,
די אומעטיקע שוועלן
און ראַם פֿון האַרץ אַרויס
דעם פֿרירנדיקן שוידער...

## ער וואַרט, דער נאַצי־שד

ער וואַרט, דער נאַצי־שד, אַז קומען זאָל זי באַלד,
די אויסלייזעריןֿ, די פאַרגעבנדיקע דאַטע ;
זי זאָל אַראָפּפליקן די פאַרמאַסקירנדיקע שמאַטע
פון זיין פאַרדאָרבענער, דער קינ׳שער געשטאַלט.

ער וואַרט . . . ער רייבט די בלוט־פאַרשמירטע הענט
אין זיין פאַרבאָרגענער סאַלאָנען־נאַרע ;
אָט באַלד — און ס׳וועלן די גאַרדינען זיך צעשאַרן
און, ווי אַ העלד, וועט ער פאַרלאָזן אירע ווענט.

ער וועט אין שולד־פאַרשוויגנדיקער וועלט
אַריינשטופּן זיין נבֿזהדיקן פּרצוף ;
אין העלער ליכט פון טאָג וועט, ווי אַ דאָרן, שטאַרצן
די גאווה זיינע פון דעם „הערן־פאָלק" געקנעל.

און ווידער וועט ער פלעכטן זיינע תליה־שטריק
פון זיין געקראַכטער, טויזנט־יאָריקער ממשלה,
און וועט פאַרטויבן די מאַידאַנעקשע יללה
מיט בריאַזג און גרילץ פון כאָרכלענדער מוזיק ;

און ווידער וועט ער „וואָרפן פרישן זאַמד
און לאַהם אייגעלעך", פאַרחידושטע אַזוינע ;
און „סאָסנעס דריי בלויז וועלן צוקוקן" און שטוינען :
פאַרוואָס דער רעטער ווערט ערגעץ פאַרזאַמט . . .

פון צאַרטער, דורכזיכטיקער מענטשן־הויט
וועט ער זיך ווידער אויסמייסטערן לאָמפּן־אַבאַזשורן ;
פאַרגיין מיט קרעמאַטאָריע־רויך וועלן דעם קרבנס שפּורן
בעת ער וועט זיך פאַרכליניען מיט זיין זונה־מויד . . .

ער וואַרט... זיין אויער אָנגעשפּיצט צום ריכטערס קול...
ער חשבונט שוין געניי און מאַטעמאַטיש
די צאָל פון מענטש־סקעלעטן הינטער גראַטעס,
פון שיך און שיכעלעך די יאָמערדיקע צאָל . . .

(און, אויב ניט גיך גענוג פארצערן וועט דער פלאם,
וועט ער צו הילף זיך נעמען דעם קאמפיוטער:
אזויפיל און אזויפיל... קינדערלעך און מוטערס —
און וועט זיך קוויקן מיטן בלוט־און־טרערן־ים...)

ער ווארט, דער אויסגעצאליעטער, דער המן־שד,
אויף אויסלייזערין זיינע, די פארשווועכנדיקע דאטע...
וועט נאכאמאל די וועלט אין גיהנום טאן א פלאטער?
און אויפוועקן זי וועט זיך נאך א מאל צו שפעט?...

אָ, וויפל אומגליקן איז דיר נאך, וועלט, באשערט
און וויפל איז גענוג דיר גרויליקע געוויטערס —
אז רישעות זאל ניט האבן מער קיין שליטה
אויף אונדזער טרערן־דורכגעווייקטער ערד?

וועט זיין הער הימל ווידער טויב און שטום,
ביז ערד מיט קברים וועט זיך אומדרייען א זאטע?
אָ, וועלט, צעפליק פון קאלענדאר באטריגערישע דאטע
פאר מערדערס שטראף אין באן און אומעטום!

זאל טרעפן, ווי א בליץ, אים די פארזאמטע שטראף,
א יעדע טיר און טויער זאל זי אים פארלויפן;
אז, ווי א ביין, זאל זי זיך שטעלן אים ביים ווייפן
און זאל, ווי דינאמיט, צעפאלמעסן זיין שלאף!

# אַ שיף אויפֿן ים

יעדע וואָך, יעדע וואָך שווימט אַ שיף אויפֿן ים,
זעט די זון יעדן טאָג, ווי די כוואַליעס זי קאַמט,
ס׳קוקן שטערן ביינאַכט אויף דער איינזאַמער שיף
און דער צער פֿונעם הימל לבֿנהדיק טריפֿט;

פֿון אַ לאַנד, וואָס איז ווייט,
פֿון אַ פֿלאַמיקן ברעג —
שווימט דער טרויער אין איר,
שווימט דער טויט אויפֿן דעק...

ס׳לויפֿט איר נאָך נאָכאַנאַנד דער פֿאַרסמאַליעטער ווינט
און פֿאַרלויפֿט איר דעם וועג, ווי אַ מאַמע אַ קינד;
הויבט אַ כוואַליע זיך אויף, רוימט אַריין איר אַ סוד—
ווערט צעטראָגן אַרום אַזאַ בייזער געשפּאַט:

ס׳פֿירט דער טויט אין דער שיף צו איר היים אַ געשאַנק:
ניט־דערחלומטן טרוים, ניט־דערזונגען געזאַנג...

ס׳רוט די לויטערע פֿרייד פֿון באַגעגעניש־שעה
שוין אויף אייביק אין אויגן פֿאַרשלאָסענע דאָ;
ס׳ליגט אויף ליפּן פֿאַרקילטע דער שמייכל פֿון גליק,
וואָס איז, ווי אַ בלימל, געוואָרן צעפּליקט;

און די ליבשאַפֿט, וואָס האָט
אויף די כלות געוואַרט,
ווײַנט אַן איינזאַמע דאָ
אין דעם טויט־נעץ פֿאַרנאַרט...

אָ, זאָג נאָר: ביז וואַן וועט אַ שיף נאָך אַ שיף
נאָך פֿירן דעם טויט אין פֿאַרחתמעטע בריוו
צו אַ מאַמען, וואָס וואַרט אויף אַ גרוס פֿון איר קינד;
צו אַ כלה, וואָס בענקט אויף איר גליק, וואָס פֿאַרשווינדט?

יעדע וואָך שווימט אַ שיף
איבער רוישיקן ים...
אָ, פֿרידלעכע שעה,
ניט פֿאַרזאַם, ניט פֿאַרזאַם...!

## נעם אַ פּען אין האַנט און רעכן...

אָ, מענטש,
שטעל־אָפּ דעם נאָכאַנאַנדיקן מאַשין־געיעג
אויף דיינע ברייטע קרייץ־וועגן און טראַקטן;
ריים אָפּ דיין בליק פון פויסט־ און בלוט־געשלעג
אויף שווינדלדיקע כּישוף־אַפּאַראַטן.

הויב אויף פון זנות־פאַרגוואַלדיקטן פּאַפּיר
דיין איינגעגראָבענעם, דיין שעמעוודיקן פּנים —
און נעם אַ פּען אין האַנט און טו אַ ריר
דעם באַרג הינטער אונטער פאַרשוועכטע פּאַנען...

צייל יעדן רענדל אינעם טורעמדיקן באַרג,
ווי דו וואָלסט דיינע מאַגערע פאַרדינסטן ציילן;
דאָס איז דיין מי, דיין פּראַצע און דיין שׂכר,
דאָס איז די וואונד, וואָס שרייט און בעט זיך אויסצוהיילן...

(גיי, צייל דעם זאַמד אויף ברעג פון ים,
גיי, צייל די שטערן אין די הימלדיקע הויכן) —
אַזויפיל האָט פאַרצערט דער פייער און דער פלאַם,
אַזויפיל איז פאַרשוואונדן מיט די רויכן...

און מיטגענומען האָבן זיי דעם בגד און דעם שוך,
די כאַטע שטרויענע, די פרייד און דעם געלעכטער;
געלאָזט זיי האָבן אויף דער ליפּ אַ פלוך
צום פרעמדן אָנפאַלער און שעכטער.

אין טרערן זינקען אַלע קיילעכדיקע נולן,
און חורבן שרייט אַרויס פון יעדן ציפער;
און דו, מיין לאַנד, מכשף פון די גרוילן,
דיין כּבֿוד זינקט היינט טיפער, טיפער...

שטעל־אָפּ, שטעל־אָפּ דעם נאָכאַנאַנדיקן געיעג
מיט פלאַמיקן פאַרזיי אויף פרעמדע שליאַכן;
עס גאַרט אַ דור — אַ יונגער, דאָ — אויף דעם פאַרמעג,
און דיינע שטעט — זיי הויבן אָן דערוואַכן...

# בען טרע

„עס איז נויטיק געווען צו פארניכטן
דאס שטעטל בען טרע, כדי זי צו ראטעווען.‟
(פון די צייטונגען)

בען טרע,
פייער דיין באפרייאונג,
פריי זיך איבער דיינע חורבות!
דאנק די הענט,
וואס האבן דיינע דעכעלעך און ווענט,
די כאטקעלעך און געסעלעך אינאיינעם
מיט דינאמיט בארעגנט און באהאגלט,
די עופהלעך צוזאמען מיט די זקנים
אויף אש און ווינט צעוואלגערט און פארוואגלט...

שפרייט אוים א טעפיכל א גרינעם
איבער פלאמענדיקן מבול
פאר די וועלקאמענדיקע געסט,
און זינג א לויב-געזאנג
צום גאסט, דעם ניט-געבעטענעם מחבל,
פון פייגל-ליד און פייגל נעסט...

א, קני אראפ, אומדאנקבארע בען טרע,
צו דיינע סמאליענדיקע אשן
און דאנק דיין אויסלייזער, און דיין באפרייער,
דעם העלד פון גיהנומדיקע שפאסן.

ער האט דאך דיר מיט רויטע, בלוטיקע קארהעלן,
ווי א פארליבטער,
באהאנגען רייך אזוי און דיך באצירט;
אזש ביז די העכסטע, קראכנדיקע, הימלען העלע
האט ער א הויב געגעבן דיך
מיט זיין נאפאלמדיקן פלירט...

אָ, זאָג,
מיט וואָס איז ייחוס דיינער אַזוי ווייט פאַרפלויגן,
צעקרישלטע, צעפּלוּוערטע, בען טרע,
אַז מיילן טויזנטער פון דיינע אומעטיקע אויגן
זאָל דיין צערייצטער ליבהאָבער
ניט אויפהערן צו פלאַמען,
ווי דער מדבּרדיקער סנה... ?

דו שווייגסט, בען טרע,
צעמיטטער בית-עלמין;
נאָר ס'הילכט דיין שווייגנדיקער וואָרט
אַריבער יעדן ראַנד פון אונדזער ערד;
ווי שטאַרק דיין קול איז, קלאָרער נאָך
פון דיין באַפרייערס שטאַמלען;
און וואו אַ האַרץ,
אַ מענטשלעך האַרץ נאָר קלאַפּט —
ער ווערט דערהערט,
ער ווערט דערהערט...

(פון בוך: „אין שײַן פון באַגינען")

# וואו ביסטו, נביא?

וואו ביסטו, נביא,
אמת-זוכער, שלום-אַנזאָגער און שטראָפער
פון מיין אַמאָליקן קינדערשן תנ"ך?
עס שמאָרצן אויגן היינט און בענקשאַפט און אין האָפן,
נאָר זעען דיך ניט אויף הער וואך...

איך האָב געזען אַמאָל דיך אין מיין חמיון:
א מילדער פיטערער פון רינדער
מיט פייפל-קלאַנג פאַרוויגנדיק דאָס פעלד;
מיט האַרץ און אויער פאַר די מורמלענדיקע שטימען
פון ווינט און בוים,
פאַר טויבן-פלאַטער איבער דיין געצעלט.
נאָר ווען ס'האָט רישעות אינעם קעניגלעכן טורעם
אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן גאָלד-באַצירטן אויבן-אָן —
האָסטו די גרונטפעסטן פון קעניגן געשטורעמט
און פייער-פלאַם געשלייערט אינעם טראָן...
עס האָט דיין קול אַרויסגעשאַלט פון שייטער
פון תליה-קרייץ, פון לייבן-גרוב,
פון שניידנדיקער קייט;
עס האָבן הערצער זיך אין פלאַם דיינעם געלייטערט,
אין פלאַם פון דיינע שטראָפנדיקע רייד.

היינט וואַלגערט זיך אויף מיסטן דיין לא תרצח
פאַרהפקרט און באַשפּיגן און צעבראָכן;
און מיטן טויט דערלאַנגט מיין לאַנד זיך
תקיעת-כף;
עס צאַנקט דער אומגעדולדיקער נצחון
אויף חורבן און אויף אַש,
אויף אומקום פון באַשאַף...
עס זיינען אויגן היינט
מיט פלאַם פון שייטערן פאַרלאָפן,
זיי ווישן אָפ די שטערן פון דער נאַכט...
וואו ביסטו, נביא, מיט דיין אויסדערוויילטן וואָפן,
וואו ביסטו,
העלד געזאַלבטער פון פאַרהייליקטן תנ"ך...?

(פון בוך: „אין שיין פון באַגינען")

## דער נעכטן איז אַוועק...

אַמאָל — אויף גאַסן שטויביקע פון שטעטל —
האָט זיך מיר שטאַרק די שעהען צוזאיילן געוואָלט;
אַ דריי געבן וואָס גיכער ס׳ציפער-בלעטל
צום חלום אויסגעוועבטן פון גאָלד...

געמאָניעט האָבן האָריזאָנטן ווייטע,
די פרעמד געצויגן האָט דורך יעדער שויב;
געוואָלט האָט זיך ביז ווייטאָג איבערהייטן
אויף עפּעס ניי דעם גרויען, וואָכעדיקן שטויב.

ס׳האָט רעגנבויגנדיק געדרייצט דער מאָרגן
און צוגעפאַרבט דעם קריכנדיקן היינט;
ס׳האָט האַרץ געזוכט אין אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן,
אַ שטראַל פון קומענדיקער שיין.

דער נעכטן איז אַוועק אויף וואַקלדיקע פליגל,
— מיט בלוט-פלעקן באַשפּרינקלט און באַשווערט —
אין פרייד און טרערן האָבן שטערן זיך געשפּיגלט
אויף אונזער נאַכגיביקער ערד.

ס׳איז פול דער היינט מיט וואונדן אומפאַרהיילטע,
פאַרדאַכטן לאָקערן אַהינטער יעדן ראָג...
צעבונטעוועז זיך הערצער אומגעציילטע
מיט יעדן ראַנגלענדיקן טאָג.

אַ, ווי ס׳ווילט זיך צואיילן די שעהען ווידער,
די איינגעשפּאַרטע שעהען פון דער צייט! —
אַז אויפהילכן עס זאָל אין היינטיקן געוויטער
דאָס ליד דאָס אויסגעטרוימטע פון דער ווייט.

אַ דיקער שטויב העגנט איבער פענצטער-שויבן,
און יעדע בלום גייט אויס נאָך טראָפּנס שיין;
אַ, האַרץ פאַרבענקטע, לאָז זיך ניט באַרויבן
פון חלום גאָלדענעם —
ביז אין קאַיאָר אַריין...

## ניט שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין

ניט שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין און ניין,
ווען ס'רעדט מיין הארץ צו דיר, ווי צו אַ ברודער;
די רישעות וועט, ווי שפּינוועבס, זיך צעגיין
ווען ס'וועט דאָס פאָלק אַ שטעל טאָן זיך ביים רודער.

דיין בליק איז צוגעשמידט צו רויער וואונד
אויף אונזער גוף — אין ראַנגלעניש פאַרוונקען;
פאַרכישופט פון די פלעקן אויף דער זון —
פאַרזעסטו אַלע שטראַלנדיקע פונקען...

די יאַטערדיקע וואונד איז ניט פון היינט —
דער געכטן האָט פאַרפלאַנצט אויף ערד דעם זאָמען;
זי לייטערט זיך אין פייערן פון פיין
און אַלע גלידער שטורעמען מיט אָמן!

פון טיפסטן קוואל גייט אויף אַ פרילינג־קול —
אים קאָנען ניט קיין דונערן פאַרטויבן;
פון אונטער יעדן דריקנדיקן עול
פאַרשטויבטע אויגן צו דער זון זיך הויבן.

ווי וואַסער־טראָפּנס בויערן דעם שטיין —
צעבויערט אונדזער חלום היינט דער זשאַווער...
ניט שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין און ניין,
ווען ס'העדט מיין האַרץ צו דיר, ווי צו אַ חבר.

# מיין ליד — אויף דער וואַך

„פּופּציק נאַצי־פאַרברעכער באַהאַלטן זיך דאָ אין לאַנד״
— ראָבערט מאָריס, פּראָקוראָר פון ברוקלין.
(פון די צייטונגען)

אויסגעוויטיקט, אויסגעטראָגן,
און מיין האַרץ אין איר פאַרזיגלט —
לאָז איך זי — מיט פולן לאָגל —
ווייט אַרויס אויף אירע פליגל.

פליגל האָב איך איר געגעבן
ניט צו פליען אין די ספערן —
איינזאַם וועט זי דאָרטן שוועבן
צווישן בלאַנדזשענדיקע שטערן...

דאָ אויף ערד, אויף רעשיק־האַרטער,
צווישן שטיין און שטאָל און ציגל —
גאַרן הערצער אויפגעוואַכטע
נאָך אַ טרייסטנדיקן ניגון...

אים געשפּייזט האָט יעדער שטורעם,
יעדער קלאַנג האָט אים גענערט —
טראָגט ער בריענדיקע שפּורן
פון אַ ראַנגלענדיקער ערד...

ס'האָט געשפּאָט אים ניט געבראָכן,
ניט קיין פלאַטערדיקער האָגל;
און דעם שונא — מיט נצחון
צו דעם שאַנדקלאָץ צוגענאָגלט...

צו דעם שאַנדקלאָץ צוגענאָגלט —
מיטן פּאַנג אויף זיינע ליפּן,
מיטן בלוט פון קינד און זקן
אין זיין רוקזאַק אָנגעקליבן...

צוגענאָגלט... נאָר זיין שאָטן
וויל איצט לענדער איבערשפּאַנען;
און ער ברומט די אַלטע נאָטן
פון דעם ווייטן רהיין ביז דאַנען...

אַ פאַרשטעלטער איז זיין פּרצוף,
און זיין חלף — אַ פאַרהילטער;
נאָר דאָס קול זיינס הילכט אין האַרצן,
ווי אַ קויל אַן אָנגעצילטע...

וואַך זיי, ליד מיינס, וועכטער טרייער,
קענען האַנט, וואָס גרייט דאָס מעסער
און דעם פּלאַן פאַר אונדזער שייער—
זיי דער שומר פון די שלעסער!

ווי דער יונגער פרילינג־רעגן
קומט מיט פרייד דאָס פעלד פאַרוויגן—
גיי דעם נייעם טאָג אַנטקעגן
און דערפרייי אים מיט דיין ניגון.

כ'האָב דיך אַ לעבן־לאַנג געכאַוועט
און מיין האַרץ אין דיר פאַרזיגלט—
טראָג איצט, ליד מיינס, רום און כּבוד
צו מיין פאָלק אויף דיינע פליגל...!

## ווייסע פרייד

„420,000 גאַלאָנען מילך אַריינגעגאָסן אין די קאַנאַלן"
(פון די צייטונגען)

ס'איז פון מילך די ווייסע פרייד
וואָס שטראָמט פאַרשעמט אַריין אין שפּאַלטן,
און אַ רויטע זון פאַרגייט —
קאָן דעם מילך־שטראָם ניט פאַרהאַלטן.

ס'האָט די האָרעפּאַשנע קו
זיך געמיט דורך לאַנגע שעהען,
ניט פאַרטאַכלעוועט איר רו
אין איר היים־שטאַל אינעם גרויען;

און אין אייטערס פולע צוויי
אָנגעקליבן אַ מתנה:
איינצושטילן הונגער־ווײ
פון די קינדערלעך, וואָס מאָנען...

ס'האָט די גוטע קו אומזיסט
פרייד אַזויפיל אָנגעקליבן,
ס'איז קיין טראָפּן האָניג־זיס
פאַר קינדס מיילכל ניט געבליבן.

שטייען גלעזער ליידיק־הויל
און צו ווייזן זיך — זיך שעמען;
אין דער מאַמעס האַרץ אַ קנויל
הויבט פאַרדראָסיק אָן צו קלעמען.

ניט אין קרוג און ניט אין גלאָז
שפּיגלט זיך קינדס פרייד און פינקלט —
ס'גלאַנצט אַ ביטערער פאַרדראָס
אין אַ מאַמעס אויגן־ווינקל...

# דער מענטש איז ניט קיין חיה

אָ, ניין, דער מענטש איז ניט קיין חיה,
עס דורשט ניט קיין רציחה זיין געביין:
געבענטשט איז ער מיט שאַפנדע כלי־זין
און, ווי די זון,
מיט שטראַלנדיקן חן.

ער איז דער טויכער אין די תהומען,
געוואַגטער אויסשפירער פון רוים,
פאַרפּלאָנצער פון אַ טויזנט זאָמען
פאַר מאָרגנדיקע
טויזנט־און־איין טרוים...

ווי קלוג האָט רוסלאַנדס וואונדער־קינד, מאַקסים,
געזונגען:
„דער מענטש — ווי שטאָלץ עס קלינגט!"
פון טיפסטן דעק,
אין פינצטערניש פאַרזונקען,
אַ שטערנדל אַ ליכטיקס צו אים ווינקט...

די בלוט־טראָפּנס אויף זיינע גלידער—
בלויז צייכנס פונעם שווערן גאַנג:
פון אורוואַלד־זומפּ און פון דער נידער,
פון וואָלף־געיעג, פון קיים־געפאַנג...

די אַלטע לאַסט נאָך בלייאיקט זיינע פליגל,
די קייטן נעכטיקע באַשווערן זיינע טריט;
נאָר זע, ווי הויך זיין טראָט איז שוין געשטיגן
און העכער נאָך— זיין חלום איצטער פליט.

ער האָט געלייטערט זיך אין ניט איין פייער,
צעבלוטיקט זיך אין ניט איין שטיין...
אָ, ניין, דער מענטש איז ניט קיין חיה,
געבענטשט איז ער מיט שטראַלנדיקן חן.

# פריינטשאַפט

## פריינטשאפט

אין טעג־געיאָג מיט וואָכעדיקע זאָרגן,
מיט אימפעט, מיט געאייל און שווערער מי —
ווי גוט איז ביי דער צייט אַרויסרייסן און באָרגן
אַ שעה אַן אייביקע, וואָס וואַרעמט מיט איר גלי.

ווי בייז די קלוגע צייט זאָל מיך ניט פירן
אויף איר געפּלאָנטערטן, געהיימען וועג,
איך נעם ביי איר פון אַלץ, וואָס קאָן באַצירן
מיינע איינגעשפּאַנטע, יאָגנדיקע טעג.

ס'איז איר פאַרמעגן רייך אַזוי אָרום מיר,
און כ'זאָג צו זיך: דו וויים נאַר, ווי אַזוי;
זי וועט דיר שענקען פעלדער־גרין פון זומער
און זעטיקן וועט הימל דיך מיט בלוי...

צו וואָס פאַרשליסן זיך אין גרויע דלד־אמות?
דיין חדרם טיר פאַר ברידער ניט פאַרמאַך!
אַ פריינטס אַ שמייכל צערטלט, ווי אַ מאַמעס,
אַ חברס בליק — אַ שטערן אין דער נאַכט.

זיין צער און יום־טוב זיינען דיינע,
און דיינע פריידן טייל זיך ניט־געשפּאָרט;
און עפנט ער זיין האַרץ דיר מיט אַ טענה —
פון האַרץ דערלאַנג אים ס'טרייסטנדיקע וואָרט.

פון וואַרעמקייט צענעמען זיך די גלידער,
ווי שרינקען איין, ווען ס'טוט אַ קעלט אַ בלאָז;
איז לאָמיר פאַר דער פריינטשאַפט זינגען לידער
און אויסטרינקען פאַר חברשאַפט אַ כוס.

# שלום-הימן

אין הויז און אין פעלד, אין פאַבריק און אין שאַכט,
אומעטום וואו דער מענטש זיינע רייכטימער שאַפט —
צעטראַג זיך, דו מעכטיק און שטורעמדיק ליד
פון קרעפטיקן, זיכערן שלום געשמידט!

גענוג ימען בלוט איינגעזאַפט האָט די ערד,
גענוג דערפער, שטעט האָבן פלאַמען פאַרצערט;
עס רייסט זיך פון קברים אַ ביטער געשריי:
גענוג, אָ, גענוג שוין מיט בלוט און מיט וויי!

דער טאָג איז פאַר מי, פאַר רו איז די נאַכט,
די ערד איז פאַר גליק, דער הימל — פאַר פראַכט;
דאָס הויז איז פאַר פרייד, פאַר שפע — דאָס פעלד;
דער שלום איז גליק פאַר צעפייניקטער וועלט.

די שטערן אין רוים און די זאַפט פון דער ערד,
און אַלץ, וואָס דאָס הארץ פון דעם מענטש נאָר באַגערט —
צום בויער און שאַפער אויף אייביק געהערט —
זאָל קיינמאָל פון קיינעם ניט ווערן צעשטערט!

זאָל הערן דער באַרג און זאָל הערן דער טאָל,
זאָל הערן די וועלט אונדזער מעכטיקן קול:
אויף אייביק פאַרשאָלטן זאָל ווערן די האַנט,
וואָס שיקט אין מלחמה זיין פאָלק און זיין לאַנד...!

# דער לאַמטערן...

(אויפן שפּיץ פון אַ קירכע־טורעם אין באָסטאָן הענגט אַ לאַמטערן, וואָס האָט געשיקט סיגנאַלן צו די קעמפער פון דער רעוואָלוציע)

אַמעריקע, מיין לאַנד, דו היים, דו אויסגעקליבענע
פון מענטשן־כוואַליעס, נויט־געטריבענע
צו דיינע מאַגיעטדיקע ברעגן —
צינד ווידער אָן היינט דעם לאַמטערן, אויפגעהאָנגענעם
מיט יאָרן הונדערטער צוריק, פאַרגאַנגענע
אויף זיג־זאַג־שלענגלדיקע וועגן;

אַ שונא — ניט קיין פרעמדער — נאָר אַן אייגענער
פון היילן פינצטערע אַרויסגעצויגענער,
ער גרייט זיך דיך באַפאַלן...
צינד ווידער אָן היינט דעם לאַמטערן, דעם פאַרלאָשענעם,
און זאָל ער איבער דיינע שטעט, אויף הפקר־ווינט פאַרלאָזענע,
אַרויסשיקן סיגנאַלן!

אַ, הער: אין אונטערקעלערס גאָלדענע, פאַרבאָרגענע,
מיט בלוט געצייג פון „הערן־פאָלק" געבאָרגענע,
מען שמידט פון דיינעטוועגן קייטן...
שטרעק אויס דיין האַנט דיין קרעפטיקע, אַמעריקע,
און דעם לאַמטערן, דעם צוויי־הונדערט־יעריקן,
צינד אָן מיט אויפשאַל פון טרומייטן!

וועק אויף די זין און טעכטער די פאַרשלאָפענע,
פון שקר־פּילן גיפטיקע געטראָפענע.
און רייס פאַנאַנדער זיי די וויעס;
זאָל ווידער יושר — טויזנט מאָל פאַרגוואַלדיקטער —
פון ברעג פּאַסיפישן ביז ים־ברעגן אַטלאַנטיקער
באַקרוינען דיינע ליכטיקע **נביאות**!...

# ווי גוט...

**געווידמעט די אידישע פראָטעגרנאַלע קולטור־קלובן**
**צו זייער צוואַנציקסטן יובילײ**

ווי גוט צו זיין דאָ צווישן אייך,
ווען ס'רוישט אין דרויסן דער געוויטער;
מיר זיינען רייכער נאָך פון רייך
אין קרייז פון שוועסטער און פון ברידער.

אַ דריק פון האַנט, אַ בליק וואָס שיינט,
אַ וואָרט וואָס וואַרעמט און וואָס מונטערט —
ס'איז גוט אַזוי צו גיין מיט **פריינט**
און ניט אַוועקשפּאַנען **באַזונדער**.

זאָל זיין, דער וועג איז לאַנג און שווער
צום ציל פון אונדזערע באַגערן —
נאָר העלער, העלער שיינט אַלץ מער
אויף **אונדזער** וועג דער מאָרגנשטערן...

זיין ליכט גייט אויף פון דור צו דור
און יעדן טראָט פאָראויס **דערמוטיקט**;
און אויב ס'ווערט גרינגער אויף אַ **האָר**—
האָט ניט אומזיסט דער מענטש געבלוטיקט.

ניט אויסבייטן אויף קיין פאַרמעג
וועט אונדזער דור זיין יוגנט־חלום —
פאָראויס צו זון־באַהעלטע טעג,
פאָראויס צו ברודערשאַפט און שלום!

# אונדזער קולטור-בנין

אָרום און אַרום — דאַכט זיך — פּשוטע ווענט,
באַפּוצט און באַצירט מיט די אייגענע הענט;
אַזויפיל — די לענג און אַזויפיל — די ברייט,
נאָר טרעפן — מען טרעפט זיך מיט ליבשאַפט און פרייד.

ס'איז טייער און ליב אונדז דאָ איטלעכער שפּאָן
און אַלץ, וואָס אין בנין אין דעם איז פאַראַן:
דאָס בילד אויפן וואַנט, און דער טיש, און די באַנק,
די ביכער, וואָס רעדן מיט חכמה פון שראַנק;

דער גלאַנציקער דיל אונטער זיכערע טריט,
די ליכטיקע שיין פון הויכן סופיט;
די קיך, וואָס באַזאָרגט יעדן יום-טוב מיט שפּייז
אויף טישטעכער קלאָרינקע, לויטער און ווייס...

נאָר ס'גייט דען אין מאַלצייט, אין הייסן געטראַנק?
אין חברשאַפט גייט עס — דאָס שענסטע געשאַנק!
אין קרעפטיקן וואָרט, וואָס פון טיפעניש שלאָגט
און פריינטשאַפט צו הערצער צו מענטשלעכע טראָגט.

עס גייט אינעם גיין יענעם זוניקן גאַנג,
— געמישט אָפט מיט טרערן, באַגלייט מיט געזאַנג —
וואָס איז מיטן אמת פון לעבן באַזינט,
מיט אַנזאָג פון פריידן פאַר זקן און קינד.

איז דאָ אונדזער היים, מיט אַ שויב צום קאַיאָר —
אַ פעסטונג פאַר אונדזער באַפליגלטן דור.
און ווער עס באַטרעט נאָר איר היימישן שוועל —
טוט חברשאַפט זיך איבער אים אַ צעהעל,
און ס'טיילן זיך אַלע מיט אים העם פאַרמעג:
דאָס ליד און די פרייד פון צעשטורעמטע טעג...

געבענטשט זאָלן ווערן די שאַפנדע הענט,
וואָס האָבן באַנייט אָט די דאָזיקע ווענט...!

# אַ לויב דיר, אידיש וואָרט

אַ לויב דיר, אידיש וואָרט,
אין ליד און אין געזאַנג;
האָסט קיינמאָל ניט געשפּאָרט
דיין קראַפט אין אונדזער גאַנג.
דו ביסט די ריינע טרער פון אונחזער צער און פרייד;
אַ יעדן הארץ־באַגער האָסטו מיט מוט באַגלייט.

פון שטילער קינדער־וויג
ביז לאַרעומדיקן היינט —
האָסטו אין אונדזער בליק
מיט היימישקייט געשיינט.
און ווען נאָר צאָרן, פּיין, געדריקט דאָס הארץ האָט שווער,
געוואָרן קעגן פיינט ביסט אונדזער קאַמף־געווער.

מיט דיר — אין טיפסטן טאָל,
מיט דיר — צו העכסטער הויך;
געמונטערט האָט דיין קול
אין פייער און איר רויך...
זאָל טראָגן זיך דיין קלאַנג אויף יעדן וויטן וועג
מיט פלאַמיקן פאַרלאַנג פאַר שלומדיקע טעג!

און וויפל הארבע יאָר
וועט מיר נאָך זיין באַשערט
צו שפּאַנען מיט מיין דור
אויף אונדזער מוטער־ערד —
זאָלסטו מיט לעבן־זאַפט באַפרוכפּערן מיין ליד,
באַפעסטיקן מיט קראַפט די שפּאַנענדיקע טריט.

זאָל קיינמאָל ניט פאַרגיין
דיין שיין פון האָריזאָנט,
און ווערן זאָל דיין חן
מיט ליבשאַפטן דערמאָנט.

# די גאָלדענע יאָרן...

### די יובילאַרן פון אונדזערע זינגער — אַ מתנה.

### 1.

איר זיצט היינט אויסדערוויילטע אויבן־אָן
מיט יאָרן גאָלדענע געקרוינטע;
זיי וויקלען אייך אַרום איצט, ווי אַ פֿאָן,
די יאָרן — נחתדיק באַלוינטע.

דאָס ריינע גאָלד פון פופציק יאָר
אין אויגן אייערע זיך שפּיגלט;
איר האָט אים לאַנג און שווער געשפּאָרט,
מיט אים דעם לאַנגן וועג פאַרזיגלט.

מיט אויגן אָפענע צו דעם אַרום
— פאַרפּלייצטן מיט געוויטער פון געפּאַרן —
האָט איר זיך אין דעם שטאָטישן געברום
פון שקר־קלאַנגען ניט געלאָזט פאַרנאַרן...

ס'האָט אייער האַרץ אַ וואונדער־קלאַנג
פון האַפּערדיקע טריט פאַרנומען;
דאָס וואַכזאַמע געהער אַ נייַ געזאַנג
האָט אויפגעכאַפּט אין ים פון די געברומען.

האָט איר זינט דאַן געמוטיקטע געשפּאַנט,
פון ברייטן שליאַך ניט אָפּגעטראָטן;
אַ פעסטע האַנט דעם שוואַכערן דערלאַנגט
און זיכערער געמאַכט זיין באָדן.

פינף צענדליק יאָר אַזוי אין גאַנג
אויף וועג אַרויפיקן באַנאַנד געאָרעמט;
עס ווייסן פריינט אין גרויסן לאַנד,
ווי רייך איר זייט ביז איצט געוואָרן!

אָן אוצר אָפּגעשפּאָרט האָט איר ביז איצט,
מיר זיינען היינט די לעבעדיקע עדות —
מיט גאָלד איז ליבע איינגעקריצט
צו אייך, אַ, באַבעס טייערע און זיידעס.

.2

די גאָלדענע פופציק געראָטענע יאָר—
זיי קאָנען ניט ווערן מיט גאָלדשטיק געוואויגן;
איר זייט זיך היינט ווידער אַ יוגנטלעך פּאָר
צו להכעיס די יאָרן, וואָס זיינען פאַרפלויגן.

דער קרייז פון משפחה — פון גאָלד איז געשמידט,
פון גאָלד— אַלע זויבערע חברשאַפט־רינגען—
און אַלע באַהעפט מיט איין וואונדערלעך ליד,
וואָס, שפּאַנענדיק מוטיק צום מאָרגן, מיר זינגען.

ס'איז דאָס ליד פונעם פאָלק, פון זיין מי אויף דער ערד;
מיט אים איז דאָס שפּאַנען אונדז גרינגער און ליבער;
און וואָס אויפן וועג עס זאָל זיין אונדז באַשערט —
מיר וועלן געווים אַלע שטרויכלען אַריבער.

די יאָרן פון יוגנט, פון אומרו און פּראַכט —
ווער קאָן זיי היינט מעסטן און וועגן?
גיי, וועג די צעפינקלטע שטערן ביינאַכט—
ס'איז ליכטיקער, רייכער נאָך אייער פאַרמעגן...

דאָס גאָלד פון מסיבות, דאָס גאָלד פון געזאַנג,
דאָס גאָלדענע שמייכלען פון ווידער זיך טרעפן;
דאָס גאָלד פון פאַרבלייבן מיט זיך זאַלבאַנאַנד,
ווען ס'הארץ דאָס פאַרבענקטע אין אויפשטייג זיך עפנט...

אַ הייליקער טרוים אייער וועג האָט באַשטראַלט —
זייט איר אים געגאַנגען מיט הערצער צעהעלטע;
ווער זינגענדיק שפּאַנט—ווערט דורך יאָרן ניט אַלט,
עס האָט איבער זינגער קיין שליטה די עלטער.

איז—קעמפנדיק זינגט, און זינגענדיק—שפּאַנט
אַריבער דעם שוועל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט;
מיט נחת געבענטשטע, באַהעפט האַנט אין האַנט —
שפּאַנט ווייטער אויף וועגן פון ליכטיקן וואונדער!

## זינגער געטרייע

זינגער געטרייע פון פאָלקישע לידער,
באַגייסטערטע טרעגער פון מוטיק געזאַנג —
קיינמאָל ניט מיד ווער איך הערן אייך ווידער
און ווידער איך ברענג אייך מיין הארציקן דאַנק.

ווער האָט, ווי איר, שווערע צענדליקער יאָר
געלייטערט, געפּוצט און געשליפן אונדזער ליד—
ביז זי איז נאָענט אַזוי אונדז געוואָרן,
ווי דאָס קלאַפּן פון האַרץ און פון אונדזערע טריט.

יונג, ניט געצערטלטע, זייט איר געקומען
פון היימישע געסלעך, פון שטעטלעך און שטעט ;
קיינער באַגעגנט האָט אייך דאָ מיט בלומען,
מיט רויזן — די וועגן פאַר אייך ניט געבעט...

טעג — ביי מאַשינען, אין שעפּער פאַרשטיקטע,
אין מי, אין געראַנגל פאַר ווירדע און ברויט ;
נאָר אין נעכט — ווי אויף פליגל געלאָזט זיך אַנטציקטע
אין וועלט פון געזאַנגען — באַפרייטע פון נויט...

לידער ווינטשעווסקיס און באָוושאָווערס, רייזענס,
פאַר מענטשלעכער ווירדע, פאַר פרייהייט און זיג —
טראָגן זיך, טראָגן זיך, גליענדיק־הייסע,
צו טויזנטער הערצער מיט פונקען פון גליק.

ווער קאָן זיי ציילן, די שטאָטישע זאַלן —
פון וויטן אַטלאַנט... ביז פּאַסיפישן ברעג?
פון יענע פאַרפלויגענע, רוישיקע יאָרן
ביז היינטיקע, אומרו־באַלאַדענע טעג —
געלייגט האָט איר קרענץ מיט געזאַנגען־אוואָרן
אויף אונדזער באַטראָטענעם, שטיינערנעם וועג...

אויב עס וועט עמיץ — מיט יאָרן פיל שפּעטער—
אַ מיש טאָן דעם גאָלדענעם בוך פון געזאַנג,
וועט ער דערהערן אין רויש פון די בלעטער
אויך אייער צעקלונגענעם ניגון און קלאַנג.

נעמט אונדזער דאַנק היינט, די ליבע, די ברכה
ביים הערלעך געראָטענעם סיום־הזמן;
מיט אייך איז רייך אונדזער ניגון־משפּחה
און מיט אייך איז יום־טוב אַזויפיל פאַראַן.

מיר זאָל ניט ווערן די האַנט פונעם לערער,
דעם וועכטער, וואָס שטייט ביי דעם רודער פון ליד;
לערער, דו אויסטייטשער, מדריך, דערקלערער—
שמיד אונדזער ליד, די ירושה פאַרהיט...!

# הימן פון אונדזערע כאָרן

אין רווישייקן יאָג פון מאַשינען,
אין מאַרש פון פאַראייניקטע טריט —
מיט ליבע צום ליכטיקן מאָרגן
מיר שמידן מיט שטאָלץ אונדזער ליד.

כ אָ ר : פאַר פרייהייט און זיכערן שלום
אין פעלקערס פאַרברידערטן גאַנג,
זאָל הילכן דאָס ליד, דאָס באַליבטע,
דאָס קעמפעריש, אידיש געזאַנג.

אין יאָרן פון פיין און פון טרויער,
אין טעג פון נצחון און פרייד—
האָט אונדז, ווי אַ ליכטיקער שטערן,
דער לויטערער ניגון באַגלייט.

מיט פעלקער מיט אַלע געאָרעמט,
מיט מונטערע לידער אין וועג —
מיר שפּאַנען פאָראויס אומדערשראָקן
צו זוניקע, פריידיקע טעג.

# דער מאַמעס ברכות

מיין ברודער משהן אַ מתנה
צו זיין 75סטן געבורטסטאָג.

דריי פערטל פון אַ ראַשיקן יאָרהונדערט
פאַרפלויגן זיינען אויף דיין לעבנס־וועג,
נאָר שפּאַנסט נאָך, קיין עין־הרע, ווי אַ יונגער
אין זיינע סאַמע בליענדיקע טעג.

אַזאַ מהלך פון דער שטעטעלע בערעזין
ביז גרויסער שטאָט ביי דעם פּאַסיפיק־ברעג —
נאָר דו האָסט אַלע האַסטיקע מעת־לעתן
באַגעגנט לעבן־לוסטיק און אָן שרעק.

ניט איין מאָל האָט דאָס הארץ ביי אונדזער מאַמען
געשלאָגן אומרואיק דורך לאַנגע נעכט,
ווען ס'פלעגט פון דיר אַ בריוועלע פאַרזאַמען,
וויל בייזע ווינטן האָבן וועלטן דאָן געקערט...

און איך, דיין ברודערל, האָט מאַמעס הארץ פאַרשטאַנען
און כ'פלעג אַ תפילה שעפּטשען שטילערהייט,
אַז וואו דיין פוס זאָל אין דער פרעמד ניט שפּאַנען —
זאָלסטו פון גוטן מזל זיין באַגלייט.

(כ'בין נאָך געווען נאַאיוו אַזוי און גלויביק
און אין געבעט אַ טרער פאַרגאָסן אָפט;
געגלויבט, אַז דער, וואָס לעבט אין הימל אייביק,
העלפט דעם, וואָס אויף זיין גרויסן חסד האָפט...)

געווים האָט ניט מיין טרער און ניט מיין תפילה,
נאָר מאַמעס ברכות האָבן דיך פאַרהיט,
אַז פון דעם ערגסטן שטורעם־ווינט ואפילו
זאָלסטו אַרויס מיט זיכער־פעסטע טריט.

פאַרגעסן האָט זי לאַנג שוין און פאַרגעבן
די ווילדע קינדערישע שטיפערייען;
געוואונטשן נאָר — אַ ביסל נחת צו דערלעבן
פון איר בענאָק, אויב כוחות וועלן סטאַיען...

און דו האָסט לענדער, גרעניצן און ימען
מיט שאַרפע שער און נאָדל דורכגעשפּאַנט —
נאָר ניט פאַרגעסן, וואו עס וואָרצלען דיינע שטאַמען,
ווען האָסט באַטראַכט דאָס געוואונטשטע לאַנד.

דו האָסט געצאָלט מיט ליבע אונזער מאַמען
אַ לעבן־לאַנג — ביז צו איר לעצטער שעה;
האָסט אונדז, מיט שוועסטערלעך צוזאַמען,
צום טאַנטס הויז געבראַכט — אַט האָסט זיי דאָ...!

(נאָר ניט באַשערט געווען איז אונדזער טאַטן
אַ ביסל נחת און משפּחה־פרייד—
דאָס לעבן האָט אים פּלוצעם ביים פאַרראַטן:
אַוועק איז ער, אַט ווי אַ חלום, וואָס פאַרגייט...)

באַשאַנקען האָט דאָס לעבן דיך מיט ליבע
צו נאָענטע, צו פרעמדע קוים באַקאַנט;
אין שעהען הילפלאָזע און טריבע
דערלאַנגט האָסט זיי אַ קרעפטנדיקע האַנט.

אָ, ברודער, האָסט אַ סך פון דיינע יאָרן
די קאַמפן פאַר גערעכטיקייט געשענקט;
ניט איין מאָל האָבןביידע מיר דעם צאָרן
הויך אויסגעשריען און נאָך אויסלייזונג געבענקט...

אפילו איצט, ווען ס׳כוואַליען חלוקי־דעות,
מיר שטרייטן ביידע דאָך פאַר איד און מענטשן־רעכט;
און כ׳שווער ניט ביי דעם „רבינס באָרד און פיאות״,
אַז איך, ניט דו, בין אַלעמאָל גערעכט.

איז אַט, דריי פערטל שוין פון אַ יאָרהונדערט
ביסטו אָפּגעפּאָרן אויף דיין לעבנס-וועג —
איז נעם פון אונדז, פון יעדערן באַזונדער,
דעם וואונטש : זאָל גרינג דיר זיין פון יאָרן דאָס געפּעק.

ביז הונדערט יאָר און צוואָנציק זאָלסטו שפּאַנען
מיט דיין באַגלייטערין צוזאַמען זייט ביי זייט ;
אַז, ווי די שטערן זאָלן דיינע אויגן שיינען
און זען נאָר גוטעס אין דער יאָגנדיקער צייט...

נעם צו היינט ווידער אונדזער ברכה, ברודער,
אַז זיין געזונט זאָלסטו נאָך יאָרן לאַנג ;
דיין מזל זאָל אויך ווייטער זיין אַ גוטער
און פעסט זאָל זיין דיין אימפּעטיקער גאַנג...

# דער זילבערנער זוים

דער זילבערנער זוים אַרום טונקעלן וואָלקן
מיין בליק ציט ער צו מיט זיין צויבער;
די פלעקן די שוואַרצע — מיט שרעק זיי פאַרפאַלגן,
ווי שאָנטס פון גרויזאַמע רויבער...

ניט זאָרג זיך—זייביידע, זיין קומען... פאַרגייען...
דער וואָלקן, דער זילבערנער זוים;
זיי קומען צוזאַמען, ווי פריידן מיט וויען,
ווי זון מיט לבנה אין רוים.

ווי קלוג שפּילט נאַטור אירע אייביקע קאָרטן —
ס'קאָן איינער אָן צווייטן ניט זיין;
נאָר ווען זיי פאַרשווינדן פון הימל צעקלאָרטן—
בלייבט איבער נאָך אַלץ דאָרט די זוניקע שיין...

## אַ וואונק פון די אויגן...

רוהן — מיט ליבע

אַ וואונק פון די אויגן — און אַלץ איז פאַרשטאַנען,
די ווערטער און רייד, ווער באַדאַרף? — ניט כדאי;
אַזויפיל שוין יאָרן צוזאַמען מיר שפאַנען,
אַזויפיל נאָך יאָרן איך ווינטש זיך — הלוואי...

דער ערשטער באַריר פון פאַרבלאָנדזשעטע פינגער...
דער ציטער דער ערשטער פון ליפּ איבער ליפּ —
נאָך איצטער, עס דאַכט זיך, די בלוטן — זיי זינגען
אַ ניגון, וואָס ווערט ניט אַנטשוויגן: איך ליב...

דער צאַפּל דער ערשטער פון קינדערשן פיסל,
די פרוכט, וואָס גייט אויף אונטער מוטערשער האַרץ,
— פון אייביקן המשך דאָס גאָלדענע שליסל —
ווי ליב איז דער גרום פון אַ לעבן אַ צאַרטס!

צעבליט האָט זיך ס'פעלד דאָס פאַרזייטע געראָטן,
צוויי מאָל זיך מיט צווייגן צעוואַקסן, צעבליט;
מיר האָבן באַשיצט זיי מיט זון און מיט שאָטן,
אַליין אונטער לאַסט פון דער ליבע געקניט...

אַזאַ מין מהלך פון דאַן אַן ביז איצטער,
אין פראַצע־געיעג, אויף דער וואָך און אין טרוים;
דער וועג איז מיט יאָך און מיט פרייד אַ פאַרקריצטער,
נאָר פעסט איז דער בונד, ווי ביים טייך־ברעג — אַ בוים.

כ'זיפּ דורך די פאַרפלויגענע לאַנגע מעת־לעתן...
די גרינגע — געדענק, נאָר די שווערע — פאַרגיב;
ווייל קיינמאָל און גאָרנישט אין האַרץ וועט פאַרלעשן
די קלאַנגען פון זוניקן ניגון: **איך ליב...**

איז ווען ס'וועט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר דער ניט־גוטער
און געבן וועט ער זיין באַטריגערשן וואונק —
וועט שטיל אין דעם שוים פון דער ערד, אונדזער מוטער,
דער ניגון פאַרבלייבן ביי מיר אויפן צונג...

## ביי די קינדערשע בעטלעך

איך שטיי ביי די קינדערשע בעטלעך
— צווי קעפּלעך אין נאַכט־רו פאַרוויגט —
און ליכטיק ווערט פּלוצים אין האַרצן
פון זוניקן, פּאַטערשן גליק.

אין הויז אַזאַ לויטערע שטילקייט,
— אַוועק זיינען לאַנג שוין די געסט —
איך בויג צו די בעטלעך מיין אויער
און מעסט זייער אָטעם און מעסט...

נאָך זיסער פון מייאיקע ווינטלעך
באַהויכט זייער אָטעם מיין ברוסט;
אַ פרייד, אַזאַ פרייד אַזאַ מאָדנע
האָט קיינמאָל מיין האַרץ ניט געוואוסט.

אַוועק איז אַ טאָג אַ פאַרשייטער
מיט הימלען פאַרפלייצטע מיט ליכט —
נאָר העלער פון זונען מיר שיינט איצט
פון בעטעלעך יעדנס געזיכט.

איז וואָס קאָן זיין שווער פאַר אַ מאַמען?
פאַר טאַטן — וואָס קאָן שוין זיין שווער?
און ס'ווילט זיך ביז ווייטיק באַנייען
דאָס לעבן אויף בלוטיקער ערד;

אַז גרינגער זאָל זיין זייער טראָט שוין
און לייכטער אויף פלייצעס די לאַסט;
זיי זאָלן ניט דאַרפן מער האָסן,
ווי מיר האָבן אָפט מאָל געהאַסט...

כ'שטיי לאַנג ביי די קינדערשע בעטלעך,
גיך לויפן די רגעס פאַרביי...
ס'ווערט ליכטיק אַזוי מיר אין האַרצן,
און קלאָר ווערט — ס'איז אַלץ שוין כדאי.

(פון בוך „דער גרויסער גערעַנגל״)

## אַט ערשט...

שיינדלען — צו איר ווערן אַ מאַמע

אַט ערשט ביסטו אַליין געווען אַ קינד,
אַ צווייגעלע אַ דינס אין אונדזער גאָרטן;
און מיטאַמאָל — צעבליט האָסט זיך אַזוי געראָטן
און בייגעשטאַנען יעדן ברוגזדיקן ווינט...

דיין ערשטער אויסגעשטאַמלט-שוואַכער מ-אַ,
דיין ערשטער טראָט אין הילפלאָזן געוואַקל —
צעליכטיקט האָבן זיי דאָס הארץ, ווי פאַקלען,
און אויפגעפראַלט אַ קוואַל אַ פריידיקן אַזאַ.

דאָס ערשטע ציינדל — פערלדיק און קלאָר —
די הימל-שפיגעלעך און לאַכנדיקע בליקן —
געוואָלט האָט זיך, ווי בשורות, אומעטום צעשיקן:
אַט דאָס ביסטו, מיין המשכדיקער דור!

דער ערשטער קרומער אות אויפן פּאַפּיר,
דאָס בוך דאָס כישופדיקע אונטער אָרעם —
עס לויפט פאַראויס דער מאַמעס „קיין-עין-הרע”
אַ ווען און וואו דו טוסט זיך נאָר אַ ריר...

אַוועק ביסטו פון מאַמעס ווייכן נעסט
צו ווייטע שטורעם-מאַניענדיקע ברעגן;
געגאַנגען ביסט דער גרויסער וועלט אַנטקעגן
צו לאָזן זיך מיט איר אין אַ פאַרמעסט...

אַרויס ביסטו פון אונטער שיצנדיקע פליגל,
ווי דו וואָלסט זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר;
און איבער ים, וואָס האָט העם הימל אָפּגעשפּיגלט,
אַליין געגעבן מיט די פליגל אַ צעפיר...

דאָס האַרץ האָט שטום און בענקענדיק געוואַכט
אויף אַלע וועגן פון דיין וואַנדער;
אַ וואָלקן קומט און זעגלט זיך פונאַנדער—
אַ האַרץ אַ מאַמעס פלאַטערט יעדע נאַכט...

אַ זעגל־שיף, אַן אַנגעזעטיקטע מיט זון,
מיט זומער־ווינט, מיט האַרבסט־רעגנס און שנייען,
האָסט אומגעקערט זיך פון דער ווייט אויף צו דערפרייען
און טיילן זיך מיט אַנדערע דערפון.

אַ פעלד, אַ צייטיקס און מיט זריעה זאַט—
געשענקט האָסטו דער וועלט איצט אַ מתנה;
ווי ס'וואָלט דיין שטאַם נית אויפגעהערט צו מאָנען
פאַר המשך־בוך—אַ צוגעשריבן בלאַט.

ביסטו עס יענע צווייגעלע דאָס דינס,
וואָס איצט צעבליט האָט זיך אַזוי געראָטן?
און אונטער דיינע בלעטערדיקע שאָטנס
גייט אויף דאָס צאַרטע צוגעוואַקסענע געווינס?

געלאָפן זיינען זומערן גיך־גיך פאַרביי,
דאָס דינע צווייגל איז אַ בוים געוואָרן;
און ווידער בענטשט מיין האַרץ די דורכגערוישטע יאָרן
און פלאַטערט אין אַ פריידיקן כדאַי.

# אַ דאַנק אייך, טאַטע-מאַמע...

אַ לויב און אַ דאַנק פאַר באַפרוכפּערטער שעה,
וואָס האָט זיך צעבליט אין מיין לעבן אָט דאָ;

אַ לויב דעם פאַרוואָרצלטן, קרעפטיקן שטאַם,
וואָס איינגעוועבט האָט נאָך אַ קנויט אין דעם פלאַם.

כ׳הויב אויף און איך בענטש דעם צעלויכטענעם כוס
פאַר נעכטיקן גאַנג אַן אַל־חטא, אָן פּאַרדראָס...

כ׳האָב איבערגעשפּאַנט אייער היימישן שוועל
און זיך אויפן וועג אויפן ברייטן געשטעלט;

אַנטפּלעקט האָט די ווייט אַזאַ וואונדערלעך ליכט,
אַז פאַרבלענדט האָט זיין אָפשיין מיין בלאַסן געזיכט...

פון דעמאָלט איך שפּאַן איבער זאַמד, איבער שטיין,
ס׳פאַרנעמט מיין געהער אַי געזאַנג, אַי געוויין;

אַ טרער פאַלט אַראָפּ אָפט אויף שטיינערנער ערד,
און אַמאָל — אַ בייז וואָרט, ווי דאָס קול פון געווער...

נאָר כ׳גיי ניט צוריק איבער נעכטיקן בריק —
ער פירט ניט מיין וועלט צו דעם חלום פון גליק.

מיין חלום געחלומט האָב איך ניט אומזיסט —
פון מזרח ער קומט און די וועלט אים באַגריסט...

איז — לויב אייך פאַר יעדער באַפרידיקטער שעה,
וואָס האָט אין מיין לעבן צעבליט זיך אָט־דאָ...!

# זיבעציק פרילינגען

זיבעציק פרילינגען, זיבעציק ווינטערס,
ווי גאָלדענע רינגען אין בוים פון מיין זיין —
כ'האָב איבערגעלאָזן אייך לאַנג שוין אַהינטער
אויף וועגן פאַרוויטע מיט שאָטנס און שיין.

צום טיש פון מיין יום־טוב איך רוף אייך איצט גערן
ווי געסט אַנגעלייגטע — פון לעבן געשענקט;
און אויב אין די אויגן באַווייזן זיך טרערן —
איז נאָר, ווייל אַזאַ מין געטריישאַפט איר ברענגט.

איך צייל אייך, ווי ס'ציילט זיין פאַרמעגן אַ נגיד,
נאָר איך האָב צעשענקען אייך קיימאָל געקאַרגט;
וואָס מער כ'האָב צעשענקט אייך, סיי נאַכטיק, סיי טאָגיק,
אַלץ מער איז געזאַנג מיינס געוואָרן געשטאַרקט.

איר קוקט אין די אויגן מיר ניט קיין פאַרשעמטע,
באַגלייט האָט איך שטענדיק מיין גלויביק געזאַנג;
איר קומט ניט צוריק צו אַ ווינגער אַ פרעמדן —
איר טרעפט אים נאָך אַלץ אין זיין ליכטיקן גאַנג.

פאַר אַלע מתּנות — געשענקטע פון לעבן —
איך צאָל מיטן קוואַלנדיק ליד פון מיין האַרץ;
איך וועל אין מיין חלום אויך ווייטער פאַרוועבן
די שיין פונעם פרילינג, דאָס גאָלד פונעם האַרבסט...

אָ, זיבעציק פרילינגען — לעבנס געשאַנקען —
איך האָב אייער אָפּשיין אין פערזן פאַרהיט;
ס'וועט ליב זיין מיין רו, אויב אין כאָר פון געזאַנגען
וועט מאָרגן אַ הילך טאָן מיין גלויבנדיק ליד...

# דער גרויסער נגיד...

געווידמעט **ראובן יוקלסאָנען**
צו זיין ניינציקסטן געבוירנטאָג

איינער קלייבט הייזער, בריליאַנטן — אַ צווייטער,
אַ דריטער—פון רייכטום ווערט לענגער און ברייטער;
נאָר דו — עפּעס אַנדערש געשפּאָרט האָסט דורך יאָרן
און ביסט שוין ביז איצטער אַ נגיד געוואָרן;

אַ נגיד מיט יאָרן מיט פרוכטבאַרע, רייפע —
נאָר שפּאַנסט ניט אַרום, ווי אַ שטייפער בעל-גאווה;
דיין טראָט — ניט מיט קייטן פון רום איז געקאָוועט
און זוכסט ניט אין ערגעץ דעם אויפבליץ פון כבוד...

ניט גרינג איז געווען דיר אויף לעבנס-וועג שפּאַנען,
אויף וועלכע עס זיינען נאָך איצטער פאַראַנען:
אי דערנער, אי שטיינער, אי האַס און פחדנות...
נאָר דו האָסט פאַרפאַנצערט דיין האַרץ מיט עקשנות

און ביסט אַזוי גלויביק געגאַנגען, געשטיגן;
באַגלייט האָט דיך שטענדיק אין וועג אונדזער ניגון,
דער פאָלקישער ניגון פון לויטערע טרוימען —
פון פרילינג אויף ערד און פון זון אין די רוימען.

געזאַמלט האָסטו דיין עשירות דורך יאָרן
און אויך צו די ניינציקער מיד ניט געוואָרן;
דאָס וואָרט דיינס איז ערלעך און פשוט און קרעפטיק,
מיט חכמה פון פאָלק און מיט גלויבן באַהעפט איז.

ווי גוט איז צו זען דיך, ווי גוט — דיך צו הערן
— אין שעהען אין היינטיקע, אומרואיק-שווערע —
ווי ס׳קלינגט נאָך דיין קול אַזוי חידושדיק-מונטער,
אַזש מיר, דיינע פריינט, קוקן אָן דיך מיט וואונדער...

נעם צו אונדזער ליבע, אָ, חבר געטרייער,
נעם צו אונדזער דאַנק פאַר דיין גרויסן צושטייער;
און זאָלן זיך מערן אין פרייד דיינע יאָרן
אונטער אַ הימל אַ פרידלעכן, קלאָרן.

לאַנג זאָל דיין פען — די געבענטשטע מיט שאַפן —
די פיילן די שאַרפע אין שונא נאָך וואַרפן —
ביז וואַנען מיר וועלן — מיט אונדזערע וואָפן —
דערגרייכן דעם פעלדז פון דעם ליכטיקן האָפן...

* * * * *

איינער קלייבט פערל, אַ צווייטער — שטיינער —
נאָר דיין עשירות שטייגט אַלעמענס איבער;
ווייל דו האָסט געזאַמלט אַזוינס דורך די יאָרן —
אַז ביסט היינט דער נגיד דער גרעסטער געוואָרן...

# בלומען און טרערן

# טראָפּנס

טראָפּנס, דאַכט זיך, און ניט מער,
נאָר זיי פאַלן אַזוי שווער—
אָפט, ווי שטיינער, פלינק און האַרט
און אַמאָל, ווי בלומען, צאַרט.

אַ טראָפּן וויי, וואָס גיט אַ שטאָך
און לאָזט אין האַרץ אַ טיפע לאָך;
אַ וואָרט אַ האַרטס, וואָס טוט דיר באַנג
און לאָזט ניט אָפּ אַ לעבן-לאַנג.

אַ טראָפּן אויסגעבענקטע פרייד,
וואָס פלוצים קומט און שוין פאַרגייט:
אַ קינדס געלאַך, אַ מאַמעס טרער,
אַ הייסער וואונטש, וואָס ווערט צעשטערט...

אָ, וויפל טראָפּנס לויטער גאָלד—
און דאָס האַרץ דיינס צאָלט און צאָלט...

## די מאַמע גייט פון אונדז אַוועק...

די אַלטע מאַמע גייט פון אונדז אַוועק
און רואיק קלייבט זי זיך אין לאַנגן וועג...
מיט אירע פולע ניין צענדליק יאָר,
מיט מצוות אירע און די גרויע האָר.

דער קלאָרער ווינטער-שניי אַנטקעגן איר זיך טראָגט
ווי אַ מתנה, וואָס דער הימל נאָר פאַרמאָגט,
און אַלע גרויע פלעקן אויפן וועג דעקט צו,
אַז העל זאָל זיין דער וועג דער לאַנגער צו איר רו...

פאָראויס שפּאַצירט דער רחמנותדיקער ווינט
און זינגט אַ וויג-ליד איר, ווי צו אַ קינד;
און ערגעץ לאָזן זיך מלאכימלעך אַראָפּ
און גלעטן איר פאַרגרויטן קלוגן קאָפּ;
מיט קוויטן אויסגעפלאָכטענע פון שניי
פאַרוויגן זיי אַצינד איר מינדסטן וויי...

די אויגן אירע זיינען מילד און ווייך
און דאָס געזיכט פון לייכטן אומעט בלייך;
אַרום די ליפּן — דין אַ שמייכל שפּילט,
ווי נאָך עפּעס צו זאָגן אונדז זי וויל...

די מאַמע גייט פּאַמעלעך איצט אַוועק
און ס׳ציט זיך ווייט דער שניי-באַדעקטער וועג;
און מיט דער גאַנצער שווערער יאָרן-לאַסט
זי וועט דאָרט זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט...

אָ, זע, ווי ניט געבויגן איר געשטאַלט
און אַזאַ גלי אין בליקן זיך באַהאַלט...
די מאַמע אונדזערע אין נעפּל-גרוי פאַרשווינדט
און ס׳זינגט אַ וויגליד איר דער טרערנדיקער ווינט...

# איך בעט מיין פען...

(אַ בלום אויפן קבר פון א. לעכאָוויצקי)

איך בעט מיין דיכטערישע פען:
גיפֿ־ן דאָס וואָרט,
וואָס זאָל זיך מיט מיין צער פאַרגלייכן;
אָט, קוק און זע,
ווי פוסט געוואָרן איז דאָס אָרט,
וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אוצר אַזאַ רייכן...

איך בעט מיין איינגעשפּאַרטע פען;
דיין שאַרפן שפּיץ
טונק איין אין קוואַל פון מיינע טרערן
און מיט דער טרער דער לויטערסטער פאַרקריץ
דעם וויי,
וואָס טויזנט מאָרגנס וועלן ניט צעשטערן.

אָט ערשט, אָט דאָ איז ער מיט אונדז געווען
און, ווי אַ סנה, מיט חברשאַפט געפלאַקערט;
מיט לויכטנדיקן, אימפּעדיקן ברען
האָט ער דאָס פעלד פון אמת
ברענענדיק צעאַקערט.

זיין הילכיקער, זיין קינדערשער געלאַך
געשאָסן האָבן קלינגענדיקע שטראַלן,
ווי ס'וואָלט אין שטילער, חושכדיקער נאַכט,
אַ וואַסערפאַל פון שטערן־שיין געפאַלן.

אין יענע דולע יאָרן פון מלחמה־שרעק,
ווען ס'האָט געמאַרדעוועט דער נאַצישער מחבל;
ווען ס'האָט די וועלט ביים גיהנום־ברעג
אין רויך פון שריפות זיך געצאַפּלט —

האָט זיין באַגלויבט און גלויביק וואָרט,
ווי אַ באַלזאַם,
דעם גלויבן אונדזערן געפּעסטיקט מיט בטחון —
ביז ס׳האָט פיל־פעלקערשער נקמה־פלאַם
דעם רוקן פון דער נאַצי־שלאַנג צעבראָכן.

אַט דאַן, אין יענע גריזשענדיקע טעג,
מיר האָבן אַזאַ פריינט אין אים דערוואָרבן
און אַ חבר;
ער האָט אויף באַרג־אַרויפיקן און שווערן וועג
פאַר מיטגייער געמיט זיך און געהאָוועט...

און איצט...
ניט מער צעשיינען וועט זיך שוין זיין בליק
ביים זיך באַגעגענען און שיידן;
זיין קול
וועט מער שוין ניט דעם קלענסטן זיג
מיט פרייד צעקלונגענער באַגלייטן...

אָ, פען, מיין פען פון איינגעצאַמטער ליד,
וואו איז דיין וואָרט, דאָס טרעריקע און קלאָרע,
וואָס זאָל דעם צער דעם בלייאיקן,
וואָס ברייט,
אַרויסברומען מיט צענפאַכיקן צאָרן:

פאַר אָפּהאַקן דעם הייסן אָטעם פון אַ פריינט
אין מיטן פון זיין חלומען און שטייגן;
אין מיטן פון זיין בליענדיקן היינט
די ליפּן שטייף פאַרזיגלען אים מיט שווייגן...

די האַנט די קאַלטע פונעם טויט
אַרונטערזעגן האָט געוואַגט פון בוים
אַ צווייג נאָך אַזאַ גרינעם;
פאַריתומט שטייט דער בוים, די טרערן — רויט
און כ׳קאָן קיין טרייסט־וואָרט ניט געפינען...

זאָל זיין די טרייסט און אויפגעהעלטן וועג
אויף וועלכן מיר האָבן געשפּאַנט צוזאַמען
און נאָר דער טויט האָט גאַנג צו ליכטיקערע טעג
געקאָנט פאַררעטעריש פאַרצאַמען.

דער וועג איז לאַנג, געשטיינערט
און צעמעסערט אונדזער טראָט;
אַ גייער פאַלט, אַ צווייטער און אַ דריטער...
נאָר איבער זיי עס הילכט דער אומצעשטערבאַרער
הער חברשער געבאָט:
די פרייהייט־פאָן —
ניט פאַלן זאָל אין דעם געוויטער...!

* * * * *

איך בעט מיין דיכטערישע פען:
דיין שאַרפן שפּיץ
טונק איין אין קוואַל פון מיינע טרערן;
און מיט דעם וואָרט דעם לויטערסטן פאַרקריץ
זיין נאָמען צווישן פינקלענדיקע שטערן —
עס זאָל די צייט אים קיינמאָל ניט צעשטערן...

# עס טרעפט... זי בלייבט אליין...

(דעם אנדענק פון ווארשעווער געטא געהייליקט)

עס טרעפט: זי בלייבט מיט זיך אן איינזאמע אליין,
און פלוצעם שווימט ארויף אין איר א יאמערדיק געוויין;
פארגליווערט, איינגעקלעמט און שטייניק־הארט,
אין ראנד אין, טונקעלן פון פענצטער אנגעשפארט,
זי שטייט. די שאטנס נאכטיקע זיך שארן ביי די ווענט,
און ווידער טוען זיך א בראך אין חושך אירע הענט;
א טרער א זודיקע א ברי טוט איר ווייט־בלאנדזשענדיקע אויג
און ס'טוט, ווי פון א קלאפ, איר קערפער זיך א בויג —
ס'איז גרויס אזוי און שווער די משא פון איר פיין,
וואס בויגט צוזאמען אירע קני, ווי א פארשיכורטע פון ווייו...
דאס האט דער ווי, וואס קלייבט אין הארץ זיך יארנוויז,
אדורכגעריסן זיך, ווי פרילינג־טייך דורך דיקן אייז,
ווען אנגעפילט ער ווערט, אזש ביז צום פלאצן גרייט,
און מעכטיק ברעכט אדורך זיך קרעכצנדיקעהייט...

נאך העלער, ווי אין טאג־ליכט, זעט זי אלע אכט
ווי ברענענדיקע שאטנס אין דער פינצטערניש פון נאכט:
די אלטע מאמע, לייבעלע, ראכמיעלקע און בערעלע,
די קליינע שוועסטערל, די חנעוודיקע פערעלע,
און אויך די שניר די יונגינקע מיט לויכטנדיקע קעפ,
מיט טאנצנדיקע, פעך־שווארצע און גלעטנדיקע צעפ —
עס וויקלט בייז זיך איבער זיי די פייער־שפייענדיקע שלאנג
און הילט זיי איין אין איר פארצערנדיקן, שלינגענדיקן גאנג;
און איבער זיי — דעם הענקערס קאנקנדיקער קנוט,
און רויטער פון די פלאמען — שפריצט דאס זודיק־הייסע בלוט...
וואס שטילער דער ארום, וואס טונקעלער די נאכט —
זי זעט זיי אלע קלארער נאך, זי זעט זיי אלע אכט...

און זי — איר גורל האָט פאַרהיט זי פון פאַרלענד און שאַנד,
אַריבער ים איז זי אַוועק — נאָך פאַרן בראָך — אין ווייטן לאַנד;
און אויפגעכויט איר היים דאָ, ווי אַ פויגל בויט זיין נעסט,
פון שריפות ווייט און ווייט פון היטלערס בלוטיקן פאַרמעסט.
איז זי אַ צווייג אַן איינציקער פון דעם צעהאַקטן בוים,
וואָס אויסגעוואָרצלט האָט דער שטורעם, ווי אַ בייזער טרוים.
זי וועט די וואונד די ניט פאַרהיילטע טראָגן ביזן קבר שוין,
די וואונד, וואָס שטעכט איר קאָפּ דעם גרויען, ווי אַ דערנער-קרוין.

... ניטאָ שוין מער די גאַס די וואַרשעווער — איר היים —
געבליבן איז דער ווי, וואָס פרעסט איר נאַכט-רו אין געהיים...
קיין זכר מער פון איר פאַרשניטענעם משפחה-שטאַם —
געבליבן איז אין הארצן נאָר דער שניידנדיקער שראַם.
און, ווי אַ קללה, רייסט זיך פונעם תהום פון איר געביין
איר נים-דערהערטער, אויפגעציטערטער געוויין;
און ביז עס ווייזן זיך די ערשטע שטראַלן פון פאַרטאָג —
די שאָטנס נאַכטיקע פאַרשלינגען איר געקלאָג.

עס טרעפט... און ווען עס ווייזט זיך ערשטער אָנזאָג פון באַגין —
איר טיפן ווי באַהאַלטן — ווייסט זי ניט וואוהין...

## זיין טרוים איז מיט אונדז

(אין אָנדענק פון נ. ג.)

דער צער שניידט דאָס האַרץ, ווי אַ שטעכיקער דאָרן,
פאַרהילט איז דאָס אויג מיט אַ גליאיקער טרער—
מיר האָבן אַ פריינט און אַ חבר פאַרלאָרן
און ס'בויגט זיך פאַרטרויערט דער קאָפּ צו דער ערד.

אַט ערשט האָט ער מוטיק מיט אונדז דאָ צוזאַמען
מיט טריט מיט צעזונגענע פריידיק געשפּאַנט;
אויף ליפּן אויף זיינע געשפּילט האָט אַ שמייכל
און קרעפטיק מיט שלום געדריקט אונדזער האַנט.

געהאַלטן די אויגן און ס'האַרץ זיינס ברייט אָפן
פאַר אַלץ, וואָס אין לעבן אַרום האָט געגליט;
דער פאַקל פון גלויבן, בטחון און האָפן
באַלויכטן האָט העל זיינע זיכערע טריט.

אָ, וויפל צעוואָרפן אין וועג זיינען שטיינער?
צו ווערן געשטרויכלט איז אָפט אַזוי גרינג;
נאָר דעם וועט נים אָפּקערן — גאָרנישט און קיינער—
פאַר וועמען דאָס לעבן מיט האָפענונג זינגט!

און שפּאַנט מיט אונדז איינער מיט זוניקע אויגן
און פלוצים פון ריי לעבן אונדז טוט אַ פאַל —
די קעפּ די פאַרגרויטע אין טרויער מיר בויגן —
פאַרלאָשן ווי נאַכט וואָלט אַ לויטערן שטראַל...

נאָר ער וואָלט אַליין אונדז צו וויינען פאַרוווערן—
עס ליגט נים אין טרערן פאַרבאָרגן קיין טרייסט;
זיין חלום, וואָס קיינער געקאָנט האָט צעשטערן,
מיר דריקן צום האַרצן נאָך פעסטער און הייס.

מיר וועלן זיין נאָמען מיט ליבע דערמאָנען
פאַר אַלץ, וואָס ער האָט אַזוי גלויביק געטאָן;
זיין חלום וועט לויכטן אויף אונדזערע פאָנען,
ווי לאַנג נאָר דאָס האַרץ אין אונדז חלומען קאָן...

# יאָרצייט-ליכט ברענען...

(אויגוסט 12, 1952)

יאָרצייט-ליכט ברענען אין האַרצן ביי מיר—
זעע איך זיך הינטער פאַרטרויערטער טיר:
קיינער אין אויג מיינער זען זאָל די טרער,
גרייכן זאָל „אוי" מיינער קיינעמס געהער;
ס'ווילן ניט רינען די טרערן פאַר לייט,
אָפּטער— ביז הימל דאָס שווייגן עס שרייט...

זיץ איך אַהינטער פאַרטונקלטער טיר,
איבער די שטוב-ווענט די אויגן איך פיר:
איינס נאָכן אַנדערן טוען אַ שוועב
לאַנג-מיר-באַקענטע, צעלויכטענע קעפּ—
קוקן אי פאָטערלעך-האַרציק, אי שטרענג,
יעדער אַ שמייכל פון גינגאָלד מיר שענקט:

גינגאָלד פון לויטערן לידער-געזאַנג
שווער אויסגעלייטערט אין יאָרן-געדראַנג;
קלאַנגען, ווי סערפן אין שניט-צייט אין פעלד,
יוגנטלעך-זאַפטיק און בליציק צעהעלט;
גאָלדשטיקער— פּראָזע, געבליאַסק פון אַ ליד—
אין פלאַקער פון אומרו— געשמאָלצן, געשמידט...

...דאַכט זיך— זיי שוועבן אַרונטער פון ווענט,
דריקן מיר שלום מיט זוניקע הענט:
„ס'ליד, אונדזער ליד, האָבן שטורעמס געוועבט,
האָט זי די שטורעמס לאַנג איבערגעלעבט;
שטאָלענע צייט אונדזער פּערז האָט געבויט—
האָט איבער אים ניט קיין שליטה דער טויט..."

יאָרצייט-ליכט ברענען אין האַרצן ביי מיר—
זיץ איך געבויגן ביים שוועל פון מיין טיר...

# טאַטע מיינער

(צו זיין 50־יאָריקן יאָרצייט)

אַ שווערער שטיין — אויף קבר דיינעם,
דיין נאָמען — אויפן שטיין —
נאָר טויזנט מאָל אין חלום מיינעם
באַלעבּ איך דיין געביין.

עס הויכט אין מיר דיין שווערער אָטעם,
אין אָדערן — דיין בלוט;
די בלאָ פון דיינע מילדע אויגן
אין מיינע פינקלען טוט.

האָסט מיט דער פּרעסל זיך געחברט,
געבאָטן — הייליק אָפּגעהיט;
די איינזאַמקייט האָט לאַנג געפרעסן
אין פרעמדקייט דיינע טריט...

ווי פרעמדע זיינען מיר געבליבן
ביז טויטס פאַרצוקנדיקער שעה;
קיין פרייד אין ערגעץ ניט געקליבן,
ניט דאָרטן און ניט דאָ...

עס האָבן ברייוו אַהין געטראָגן
דערנאָך— צוריקגעפירט:
די בענקשאַפט צו און פון דער שטעטל,
מיט טרערן אָפט באַצירט.

דיין וועג — אַ לאַנגער און אַ שמאָלער,
צים הימל אַזש דערלאַנגט;
און איך האָב זיך מיט גאָט צעזעגנט —
פאַר אַלץ — אים אָפּגעדאַנקט.

נאָר מיר פאַרבליבן איז דיין גלויבן,
אַז יושר איז דער תוך;
וועל איך, ווי דו, אין האַרץ אים טראָגן,
ווי שווער ס'זאָל זיין דער יאָך...

# די לעצטע שעה...

ווען לעצטע שעה וועט קומען און פון דאנען
איך וועל אין רו אין אייביקער אוועק —
איך וויים: ס'איז עמיצער פאראנען,
וואס איבערנעמען וועט מיין ארעמען געפעק.

און ווען־עס־איז, אין העלע טעג אין ווייטע,
ווען איינהילן וועט מיך די לאנגע נאכט —
עס וועלן געבן אייניקלעך פארשייטע
אויך וועגן מיר, דעם איינגעשלאפענעם, א טראכט.

עס וועלן ערגעץ זוכנדיקע פינגער
ארויסנעמען א בוך מיינעם פון שראנק;
א ברום געבן די שורות וועט א זינגער
און פאר א גוטן פערז מיר אפשיקן א דאנק.

ער וועט מיין נאמען ברענגען אויף די ליפן
פאר עפעס גוטעס, וואס איך האב געטאן;
ווייל כ'האב ניט אויפגעהערט צו קעמפן, ליבן,
ווי לאנג דאס הארץ האט שלאגן נאר געקאנט...

# איבערזעצונגען

☆ ☆ ☆

## די דינע ווערבע

וואָס-זשע איינזאַם וויגסט זיך,
ווערבעלע דו דינע,
שטייסט און בויגסט דיין קעפּל
צו דער ערד דער גרינער?

איבערן וועג אַנטקעגן,
איבערן טייך דעם ברייטן,
שטייט אַ דעמב דאָרט איינזאַם,
ווי געשמידט אין קייטן...

„כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן
צו דעם דעמב אַריבער,
און זיך מער ניט בויגן
אין מעת-לעתן טריבע;

כ'וואָלט מיט מיינע צווייגן
זיך צו אים געטוליעט,
ווען אין קאַלטן דרויסן
וואָלט דער ווינט געהוליעט..."

נאָר די ווערבע קאָן ניט
צו דעם דעמב אַריבער—
און אַליין זי וויגט זיך
מיט איר גרויסער ליבע.

(פון רוסיש)

נתן אַלטערמאַן

# חנה ראָווינאַ

ווען זיי האָבן דערזען זי מיט בליקן מיט ערשטע
און דערהערט איר געזאַנגפולן, ווארעמען קול —
זיי האָבן געשטוינט: ווי פון ווינט אַ באַרירטע,
וואָלט צעשפּילט זיך אַ וואונדערלעך פידל פון פאָלק.
יאָ, געליבט האָבן זיי גאָר אַ סך, נאָר ווי שפּילציינג;
נאָר זי האָט פאַרכאַפּט זייער האַרץ מיט איין מאָל.

ווען זיי האָבן דערזען זי מיט גאַפנדע בליקן,
אַזאַ נאָבעלע, שלאַנקע — האָט ס'פאָלק באַלד דערקענט
זיך אַליין, ווי'ן אַ לויטער-געשליפענעם שפּיגל,
זיין געירשנטן חן, וואָס ער האָט ניט פאַרשווענדט:
די עכט פּרויאישע פּראַכט, אירע האָר—שטייף-געפלאָכטן,
און דער גלאַנץ אין איר בליק, ווי פון פאָלק-שילד דער בלענד.

שוין פון אָנהויב געשטעמפּלט, פון וואונדער דער מייסטער;
פון אַלע — די איינציקע... כ'זאָג ניט געגוזמא,
אַז מער ווי אַ קינסטלער איז זי. ס'וויל דאָך קיינער
— מיר דאַכט זיך—מען זאָל אים באַטיטלען אַזוי...
נאָר ס'איז קלאָר ווי דער טאָג: ווי די פאַסיקסטע כלים,
פאַרפלעכטן זיך ווערטער אין פעסטן געבוי.

עס האָבן צוזאַמענגעפלאָכטן זיך ווערטער
מיט גרינגער, נאָר קרעפטיק-צעבליציקטער ליכט,
און געשפּרייט האָט זיך ריח פון ווייטן געוויטער,
ווען פאַר זיי האָט אַנטפּלעקט זיך איר ליכטיק געזיכט.
פאַראַן זעלטענע פאַלן... אַ האַנט אַ געניטע
קלייבט אויסעט נאָר די, וועמען הימל פאַרפליכט.

אונזער לשון, וואָס בליט אויף די אַש פון שריפות,
דער שטורעם פון אויפבלי — צו אָרעם, צו רייך —
זיי האָבן געדאַרפט חוץ דאָס וואָרט און דעם ספר,
אויך די פּראַכט פון דער פרוי, איר געוויין און געלעך...
פאַראַן זעלטענע פאַלן... אומזיסט איז צו פּרוּוון
צו פאַרשטיין זיי געגנוי, ווי עס פאָדערט דער פאַך...

ניט אַזוי? עס איז גוט וואָס ס'דערשיינט אָט־דער וואונדער,
ווען עס טוט אין דער הויך זיך דער פאַרהאַנג אַ הויב,
און געשיכטלעכע נעמען, פון אומגליק פאַרוואונדעטע,
ווי צערטלעך געזאַנג, פול מיט פיין און מיט לויב —
זיי ווערן געשטאַלטיקט געפּילפּול און קרעפּטיק,
ווי אַ גרונט־פונדאַמענט — ניט קיין אויספּוצונג־שטויב...

דאַכט זיך: פּורפּור און שמאַטעס... נאָר וואו איז אַ צווייטע
צו דער טראַגיש געשטאַלט, אַזוי מעכטיק ביז גאָר?
עס קאָן זיין, אַז איר בענקט זיך אַמאָל, אויף איר קרייז־וועג,
נאָך דער שפּיל פון טאָג־טעגלעכן שטייגער פון יאָר —
נאָר די האַנט, וואָס האָט אויסגעווילט זי, האָט באַפוילן:
אין דעם איינזאַמקייט־קרייז, וואָס איז נאַקעט און קלאָר!

אָט דאָרט איז דער שטורעם, דאָס ליכט און דער חושך,
אָט דאָרט שעפּט איר ברוסט פול איר נאַרהאַפטע לופט.
געבענטשט זאָל זי זיין פאַר עניוות און יושר
מיט וועלכע זי טראָגט איר געקרוינטן באַרוף.
ס'איז איר גורל קיין גרינגער און ברענגט קיין עשירות —
נאָר זי טראָגט אים מיט שטאָלץ און זי גיט אים ניט אויף.

אָ, געבענטשט זאָל זי זיין, די מעלאָדיש צעבליטע,
מיט דער גבורה פון לייב, מיט דער מילדקייט פון טויב;
אָ, געבענטשט זאָל זי זיין, מיט דער קייט צוגעשמידטע
צום פאַרזיגלטן קרייז; אי געבענטשט, אי געלויבט!
און לאָמיר איר זאָגן: אַ דאַנק דיר, געקרוינטע,
אַ דאַנק דיר, אָ, קינסטלערין, יידישע פרוי!

און מיר זאָגן איר: פריי זיך מיט וואָגיקער משא,
מיטן זיגל פון גורל, וואָס דיר איז באַשערט
און פריי זיך, וואָס ס׳שפּילט אויף דיר, ווי אויף אַ האַרפּע,
דער לויטערער קלאַנג, וואָס דעם פאָלק נאָר געהערט.
ווי פּאַפּירענע שיפן די יאָרן פאַרשווינדן —
נאָר קיינמאָל דער קלאַנג איבער רעשיקער ערד.

פאַרגיב די געפלאָכטענע, גלאַנציקע רעדעס —
זייער כישוף-געקלאַנג לייגט זיך דריקנדיק-שווער;
נאָר אויף דיר, ווי זיי רוען אַזוי מאַיעסטעטיש,
אַזוי מלכותדיק-גרינג אויף דיין איטלעכן קער!
ס׳איז גוט, וואָס מען דאַרף זיי, מען מוז זיי דערמאָנען —
אויב ניט, וואָלט דער זשאַווער זיי לאַנג שוין באַדעקט.

אין זאָל וועט זיין ליכטיק, אין זאָל וועט זיין טונקל,
עס וועלן זיך בייטן דער חלום און וואָר;
מיר קוקן אויף דיר, פון דיין חסד באַזיגטע,
אין דערהויבנקייט — פּשוט, די שענסטע ביז גאָר...
און דאָס ליד, וואָס מיט פּעך ווערט געזונגען דיר איצטער,
געבליט האָט זי פריער אין האַרצן ביי מיר.

(פון העברעאיש)

פּאַבלאָ נערודאַ

# די טויטע אויפֿן סקווער

איך קום ניט וויינען דאָ, וווּ זיי זיינען געפֿאַלן;
איך קום צו אייך, וואָס לעבן נאָך,
איך רעד צו אייך און אויך צו זיך.

אויף אָט דעם סקווער דעם אָפֿענעם
באַגאַנגען איז געוואָרן דער פֿאַרברעך.
ניט אין אַ וואַלד געפֿלאָסן איז דאָס בלוט דאָס אומשולדיקע;
ניט אויפֿן זאַמד דעם דורשטיקן, באַהאַלטנדיקן
פֿון די פּאַמפּאַס;
קיינער האָט געפּרופֿט פֿאַרדעקן אים —
אין סאַמע האַרץ פֿון לאַנד
באַגאַנגען איז געוואָרן דער פֿאַרברעך.

איך בין אַמאָל געווען אין די ניטראַטן־מינעס
מיט אומבאַוואוסטע העלדן,
וואָס האָבן אויסגעגראָבן דעם צעפּודערטן,
באַפֿרוכפּערדיקן שניי
פֿון האַרטער קאָרע פֿון פּלאַנעט;
איך בין געווען מיט זיי אין צייט פֿון גרויסן סטרייק.

כ׳געדענק דעם שטאָלצן, האַרטן דריק
פֿון הענט פֿון ערדישע.
זיי האָבן מיר געזאָגט: אָ, זע נאָר, ברודער,
זע נאָר, ווי מיר לעבן דאָ:
אין יומבערסטאָן, מאַפּאַטשאַ, ריקאַווענטורא,
פּאַלאָמאַ, פּאַן דע אַסוקאַר, און פּיאַכיאַ.
זיי האָבן מיר געלאָזן גריזשען
די מיזעראַבלע וואַרצלען,
וואָס גיבן זיי די גאַנצע שפּייז;
זיי האָבן מיר געוויזן דאָרט די אויסגעבעטע ערד
— דעם דיל דעם שטויביקן —
די היץ, דעם שמוץ, די וואַנצן,
די איינזאַמקייט אומענדלעכע פֿון זייער לייב־און־לעבן.

איך האָב געזען זיי ביי דער פּראַצע,
די פאַרשוויצטע קוילן־גרעבער,
און פון די הענט זייערע דעם אָפּדרוק
אויף די הענטלעך הילצערנע פון קירקעס.

אָ, מענטשן, דאָ ט׳איר אויסגעשטרעקט די הענט אין הילף
צום אַרבעטער געבויגענעם פון היגע פּאַמפּאַס;
איר האָט געענטפערט זייער רוף
און זיי אַהער גערופן — מיט אַ יאָר צוריק —
צו קומען אויפן סקוועיר מיט מאַן און פרוי און קינד,
און אַ פּלייץ געטאָן האָט אייער בלוט...
אין סאַמע האַרץ פון לאַנד געוואָרן איז דאָס בלוט
פאַרגאָסן,
אַנטקעגן דעם פּאַלאַץ, אין מיטן גאַס —
אַז זען זאָל עס די גאַנצע וועלט
און קיינער זאָל דאָס בלוט ניט אָפּווישן;
די רויטע פלעקן זאָלן בלייבן דאָרט,
ווי שטערן איינגעפּעסטיקטע,
אומרואיקע, ניט פאַרגיביקע...

אָ, מענטשן, ס׳איז געשען, ווען איר
מאַרשירט האָט אויפן סקוועיר אויף אייער אייגענעם,
זינגענדיק די אַלטע טרערנפולע לידער,
מיט האָפענונג פול און פול מיט צער;
עס איז געשען, ווען הענט האָבן געצויגן זיך
מיט פינגער אויסגעשטרעקטע צו די פּאַמפּאַס
און יעדעס וואָרט פון אייניקייט
געקומען איז פון האַרץ —
אָט דעמאָלט האָט דעם מערדערס האַנט
דעם סקוועיר אַדורכגעווייקט מיט אייער בלוט...

אַזוי געוואָרן איז די פאָן פון אונדזער לאַנד געמאַכט:
פון טרויער־שמאַטעס האָט דאָס פאָלק זי אויסגעהעפט;
מיט פעדעס גלאַנציקע פון ליבע אויפגענייט;

פון העמדלעך זייערע
— און אפשר פון די הימל־פֿעלדן —
אַ בלויע לאַטע אויסגעשניטן
און צו דער פֿאָן פֿון זייער לאַנד
מיט זשעדנע הענט זי צוגעשפּיליעט, ווי אַן איידלשטיין,
און טראַפּנווייז פֿאַרוואַנדלט זי אין פֿייערדיקן רויט.

נאָר יענע, וועלכע זיינען צו דעם סקווער געקומען
מיט געווער געלאַדענעם און מיט באַפֿעל
צו הרגענען אָן רחמים —
זיי האָבן דאָ דערזען אַן עולם, זינגענדיק,
אַ פֿאָלק געקניפּט, צונויפֿגעבונדן שטייף
מיט ליבע און מיט פֿליכט.
אַ מיידעלע אַ דינס געפֿאַלן פּלוצעם איז
פֿאַרקוועטשנדיק איר פֿאָן;
אַ בחור, הוסטנדיק, געדרייט האָט זיך
מיט וואונדן אין דער זייט.
אין שווידער־שטילקייט האָט דאָס פֿאָלק געזען זיין פֿאַלן
און ס'האָט אַ טרויער־כוואַליע זיך אַ הויב געטאָן
און איינגעפֿרוירן אין אַ קאַלטן צאָרן.
זיי האָבן איינגעטונקט די פֿאָנען אינעם בלוט
און אויפֿגעהויבן זיי —
און הויך געהאַלטן פֿאַר דעם מערדערס בליק.

אין נאָמען פֿון די טויטע — איך פֿאָדער שטראָף;
פֿאַר די, וואָס האָבן אונדזער לאַנד מיט בלוט באַשפּריצט —
איך פֿאָדער שטראָף;
פֿאַר די, וואָס האָבן דעם באַפֿעל געשיקט —
איך פֿאָדער שטראָף;
פֿאַר דעם פֿאַררעטער, וואָס געקראָכן איז נאָך מאַכט
אויף קערפּערס טויטע — איך פֿאָדער שטראָף!

פאַר די וואָס זיינען מוחל און פאַרענטפערן —
איך פאָדער שטראָף!
איך וויל קיין הענט ניט דריקן איצטער און פאַרגעסן,
איך וויל ניט אָנרירן די בלוט־באַפלעקטע הענט —
איך וויל נאָר שטראָף!
איך וויל ניט מען זאָל שיקן זיי אין לענדער
ווי אַמבאַסאַדאָרן,
צו אויסהאַלטן זיי, ביז אַלץ פאַרגעסן ווערן וועט
און זועט פאַרגיין;
איך וויל זיי זען ביים משפט־טיש
אַט דאָ אין דרויסן אויפן אָרט —
איך וויל זיי זאָלן קריגן זייער שטראָף!

איך וויל איצט רעדן צו די טויטע,
ווי זיי וואָלטן אַט דאָ געווען:
אָ, ברידער מיינע, עס וועט אַנגיין,
אונדזערע קאַמף וועט אָנגיין אינעם לאַנד,
אין די פאַבריקן, אויף די פערמעס, אין די גאַסן,
אין די ניטראַטן־גריבער, אין די פאַמפאַס,
אין די קופּער־קראַטערס, גליענדיק מיט רויט און גרין,
און אין די היילן, וואו די קוילן־נעט
אין בין־השמשות שימערירן —
עס וועלן אומעטום די שלאַכט־רייען זיך ציען
און ס׳וועלן אַט די פאַנען אין די הערצער אונדזערע
— די עדות אייביקע פון אייער טויט —
פאַרמערן זיך און פלאַטערן געדיכט אַזוי,
ווי דער צעפּראַל פון בלעטער
אין אומאויסשעפּלעכן פרילינג...

עם וועלן טריט,
זיך שאַרנדיק אויף אַט דעם סקוועד אַ טויזנט יאָר,
ניט אָפּרייבן אויף אַט די שטיינער
דעם שפּור פון אייער בלוט.
און כאָטש דער קלאַנג פון קולות אָן אַ צאָל
קרייצט דורך די שטילקייט דאָ —
דאָך אויפקלינגען וועט פייער-גלאָק
די שעה פון אייער טויט.
עס מעגן אַט די וואַנט צעפּוילט ווערן אין רעגן
ביזן פונדאַמענט —
ניט אויסלעשן וועט ער דעם פלאַם
פון די מאַרטירערס נעמען.

די טויטע האַנט
פון טויזנט אונטערדריקונג-נעכט
וועט ניט דערשטיקן אייער לעבעדיקן טרוים
פון יענעם גורלדיקן טאָג,
וואָס מיר איבער דער גאַנצער וועלט,
— אַזויפיל אונדזערע —
היים בענקען:
דער לעצטער טאָג פון לייד,
דער טאָג פון יושר,
אַ געוואונענער אין ביטערן געראַנגל.

(פון שפּאַניש)

## גוסטאַוו אַדאָלפאָ בעקער

# כל זמן...

ניט זאָגט: ס׳איז אויסגעשעפּט שוין אייער אוצר,
דערפֿאַר שווייגט אייער דיכטערישע לירע;
אפילו ווען ניט זיין עס וועלן קיין פּאָעטן —
פּאָעזיע וועט זיין.

כל זמן עס וועלן כוואַליעס ציטערן,
ווען ס׳וועט אַנצינדן מיט אירע קושן זיי די זון;
כל זמן די זון אַליין וועט פּוצן זיך
מיט וואָלקן־שטיקער — פייער, גאָלד;

כל זמן די לופט וועט טראָגן אין איר שוים
פּערפיום און האַרמאָניע;
כל זמן ס׳וועט פרילינג זיין נאָר אויף דער וועלט —
וועט זיין פּאָעזיע.

כל זמן דער מענטש וועט אין זיין פֿאָרשן
דעם קוואַל פון לעבן ניט אַנטדעקן,
און ס׳וועט אין ים און הימל בלייבן נאָך אַ תהום,
וואָס לאָזט זיך ניט דערקענען;

כל זמן פֿאַראויסמאַרשירנדיקע מענטשהייט
ניט וויסן וועט וואוהין זי שפּאַנט;
ווי לאַנג נאָר ס׳וועט איין סוד פֿאַרבלייבן
פֿאַרן מענטש — וועט זיין פּאָעזיע.

כל זמן עס פרייט זיך די נשמה
און ס׳לאַכן ניט די ליפּן;
כל זמן עס ווילט זיך וויינען,
נאָר דאָס געוויין פֿאַרטונקלט ניט די אויגן;

כל זמן עס וועלן האַרץ און קאָפּ
נאָר פירן צווישן זיך מלחמה;
כל זמן עס וועלן זיין זכרונות, האָפענונג —
וועט זיין פּאָעזיע.

כל זמן עס וועלן זיך אין עמיצ׳ס אויגן
אַ צווייטנס אויגן זיך צעשפּיגלען;
כל זמן ס׳וועט עמיצ׳ס אָטעם ענטפערן
אַ צווייטנס אָטעם פון די ליפּן;

כל זמן עס וועלן אין אַ קוש אַ הייסן
נשמות צוויי זיך ענג פאַרוועבן;
כל זמן ס׳וועט אויף דער וועלט דער גאַנצער
איין שיינע פרוי נאָך לעבן —
וועט זיין פּאָעזיע.

(פון שפּאַניש)

## ווי גוט וואָלט געווען...

ווען איין מענטש באַטראַכט וואָלט דעם צווייטן:
אַ ברודער אין נויט און אין פריידן —
ווי גוט, אַ, ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט,,
ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט, אַ־האַ,
ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט.

ווען קינדערלעך וואָלטן גענוג מילך געהאַט,
און אַלע געהאַט וואָלטן עסן צו זאַט,
ווען קיינער געדאַרפט וואָלט ניט זיין קיין סאָלדאַט —
ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט.

ווען קיינעם אין לאַנד וואָלט קיין היים ניט געפעלט
און קיינער געליטן וואָלט הונגער און קעלט;
ווען ברודערשאַפט וואָלט אַלע הערצער באַזעלט —
ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט.

(פון ענגליש)

# ספאָנסאָרס און שטיצער פון בוך

## • ערן־ספאָנסאָרס

**מערי גאָרפילד**
**ישראל און ראָוז וואַגנעטעק**
**סאָניע יאַבלאָן**
**מאַקס גראָס**
שיינדל שוואַרץ־טאַנגרי

## • ספאָנסאָרס

**לינאַ קלאַפּערמאַן (אין אָנדענק פון סעם)**
**טשאַרלי און ראָוז וועקסלער**
**נעט פּאַרמאַנסקי און ליובאַ**
**מיני פּאָלער**
**אַנאַ קאָהן**
**ליליען און נייטן טשערנאַי**
**באַרבי און אַנאַ פלאָם (אין זייער אָנדענק)**
מילדרעד און סעם פּענצטער
(סט. לואיס)
פּאָלין אײדליש
סעם ראַטינאָוו
יוצי און ענאַ מאָרדען
משה און גאָלדע שוואַרץ
חיים און פרידאַ שטיין
נייטן און פרענסיס סענטער
דזשאָו און אײדע באַרנשטיין
אהרן קוירטמאַן
יאַיאַ און מישאַ טאַרלאָ
דזשעק און ראָוז ווייסמאַן
הערשל און סאָניע קאָהן
עוועלין אַלעקסאַנדער
סעם און פּאָלין גאָלדשטיין
אייב בערנשטיין
סעם און גאָלדע בולקין
סעם בערנשטיין (וועלי)
מאָריס און ליבע שולמאַן
מיכאַעלס לייען קרייז, ל. א.
משה סאָבעל בענדער מאַלאַטניק

פּאָלאַ קאָרן (אין אָנדענק פון אייב)
קלאַראַ ניומאַרק
נייטן קאַרפּילאָוו
דזשאָו און לילי קאָרן
אייזיק און אסתר שיליט
(סענטשורי ווילעדזש)
ישראל און דאָרע לאַקרעץ
פּאָולין ווהייטמאַן
מיכאַעלס לייען־קרייז, ל. א.
סעם און פעני אַראָנאָף
אייב אַדלער
נייטן און ענאַ שאַפּיראָ
בערל און לינאַ פּילדס
סעם און סידי קליין
(סענטשורי ווילעדזש)
סעם און בערטאַ זיידמאַן
שיקאַגאָ קולטור קלוב אין ל.אַ.
אידישער פאָלקס־כאָר אין ל. א.
דאָריס שינביין
דזשוליוס און סערע אסטראָפּסקי
(עלסינאָר)
די ספּיוואַק פאַמיליע (דעטראָיט)
קלאַראַ ראָמאַן (אין אנדענק פון סעם)
(דעטראָיט)
יאָסל און רחל גרינשפּאַן (פּעטאַלומאַ)
איווע פראַנצבלאָו
אייב בערניקער ווינדזאָר (קאַנאַדע)
סיליע פּאָקס
דאָרע לעטווין (אָוק פּאַרק, מישיגען)

## • מיטגלידער

מאָריס און עלקע בלאָט
ביטריס ריטש (עלסינאָר)
פּאָול און בלומע מונדעל (עלסינאָר)
מאיר און דאָריס האָראָוויץ (ניו־יאָרק)
שעליאַ שאַפּיראָ
מעקס און ראָוז גיטלין

באָריס און יעטאַ גורשטיין
מאָריס דעכטער
ראָוז בערמאַן (דעטראָיט)
שרה גאָלד (אין אָנדענק פון אברהם)
(דעטראָיט)
אַלעקס און לאה קאַץ
חיים און פערל סענגער
אַרנאָלד און פעני בראַון
דזשעק און דאָרע מילער
דזשוליוס מאַרקוס
קלאַראַ פיינגאָלד (ניו־יאָרק)
הערי וויינבערג
(אַטלאַנטיק סיטי, נ. דזש.)
מאיר און בעטי פּאַרבער (עלסינאָר)
מאָריס און סענדי שוואַרצבורד
ראָוז סיטרין (אין אָנדענק פון משה)
(דעטראָיט)
לעאָן און ריווע לערנער
דזשייקאָב לעניק (עלסינאָר)
ראובן און פּיוול יוקלסאָן
יעקב און נעלי אַשפּיז
אברהם און גאָלדע מאַימודעס
פּיניעי און מילי גרינבערג
דזשעק און בעטי גראָסמאַן
מילדרעד לאַסניק
אייב און צירל דאָבזשינסקי
אסתר טענענבאַום
מערי בערמאַן
אַלבערט און פּערל פּייגלסאָן
מלכה ניומאַן
מאַקס ריטש
סעם און מלכה דאַרדיק
סימע גורעוויטש
נתן דוד קאַרמאַן (פילאַדעלפיע)
מיני פרענקל
סעם און לאַדי ווייסמאַן (דעטראָיט)
סעם און דיאַנאַ קוגלער
אייב קרעמער
הערי לעין
דוד און בעלאַ דוואָרין
טאָני און איווע פּאָול

אייזיק און העלען ניומאַן
ב. בענעוויץ (מיאַמי)
פּראָגרעסיוו קלוב
(אַטלאַנטיק סיטי, נ. דזש.)
מאָריס און רעגינאַ אַבאַרבאַנעל
(מיאַמי)
סילוויע סילווער (מיאַמי)
רעי בעקער (מאָנטרעאַל, קאַנאַדע)
אסתר גוראַ
דייוו רעזניק
פרידע ווישניאַק
טשאַרלס און לילי שוגערמאַן
שמואל שוואַרץ (עלסינאָר)
אַנאַ סיווער (עלסינאָר)
סערע קראָוז (עלסינאָר)
ציפּע הערמאַלין (עלסינאָר)
מאָריס פּיינבלאַט (עלסינאָר)
ראָוז קופּער (עלסינאָר)
לוסי לעכאָוויצקי (ניו־יאָרק)
מישאַ און איידאַ באָגאַרד (עלסינאָר)
מאַקס און בלענטש וואַלמאַן
סאָניע גודלאָוו
(אין אָנדענק פון נייטן אייעראָף)
מוני און סאָפי קלערמאַן
מאָריס און עלסי האַלפּער
יאַנקל רובין
לינע שוואַרץ
מענדל יעלין
ישראל און חנה פריד (ניו־יאָרק)
אַ פריינט
ראָוז ברייטמאַן
לואי סטאַלאָוויטש (שיקאַגאָ)
שטאָט קאָמיטעט פון קלובן (שיקאַגאָ)
בנימין, ראָוז געווירץ (סאַן פראַנציסקאָ)
רחל טאַנקוס (דעטראָיט)
דזשאָו און איווע לאַזאַר (דעטראָיט)
לוסי לעכאָוויצקי (ניו־יאָרק)
ז. ווײַנפּער לייען קרייז, ל. א.
מאָריס פישמאַן
מירל ראָטבלאַט
חיים און חנה בוקרינסקי
קלאַראַ בלומענפעלד

אסתר טענענבאָום
כאַווער־פּאַווער לייען־קרייז (ס. פּ.)
דר. טשערנער און גרייס
סעם הימל
משה פּעלאָו
דיאַנאַ שוואַרץ
שלום עליכם לייען־קרייז (ל. א.)
יאַנקל רובין (אין אָנדענק פון סלאַוואַ)
סעם האַלפּער
נייטן און פרידע באַגאַד
דאָראַ לעטווין (אָוק פּאַרק, מישיגען)
סאַשאַ און חוה באַדין
אַנאַ קליינמאַן
מיד־טאַון עמאַ לאַזאַרוס קלוב
הערי סווערדלאָף

אַנאַ קרופּין
דייוו און בלענטש פּראַדקין
יוסף ראָזען (שיקאַגאָ)
זאַרי און מלכה גאָטפריד
אייב און אידיט גאָטפריד
וועסט־לייק קולטור־קלוב
נייטן און איידאַ סירעס
(סאַן פראַנציסקאָ)
פּאָול און מרים שטיין (סאַן פראַנציסקאָ)
ירחמיאל און לינאַ פּאַרבער
עטל גרואווער (ליזשור וואַירלד)
קלאַראַ פּאָול (אין אנדענק פון גרעגאָר)
נייטן און כיענע קאָהן
סעלף־אַדווענסמענט קלוב

י.א. און עלקע ראבנטש
דר. חיים און פעי לובין
אראן און חנה מאליבסקי
ליא און דארא אקון
דזשאק און שרה גוטפרייבט

אייב ווײַזלמאן
מיבי פאלער
יוסף שאכבאור
בעקי בערגמאן
רבקה איידזמאן

# אינהאַלט

## קום, ווי אַ פריינט


ליכטיקע שטיגן — 7
קום צוגיין, ווי אַ פריינט — 8
די שאַפונג געבענטשטע פון פען 10
וואָס מיינסטו — 13
צו מיינע זיבעציק יאָר — 14
דאָס לעבן־זאַמד — 16
איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט — 17
גיב צוריק מיר דיינע טרוימער 18
ליד צו אַ שפעטערדיקן דיכטער 20
שיכור בין איך פונעם וואָרט
גערדרוקטן — 21
דו טענהסט — 23
מיין טרוים ניט פאַרשעם — 24
פאַרוואָס — 25
אַ דאַנק דיר, לעבן — 26
אַ זאָמען דרעמלט אונטער שניי 27
צו מיין יום־טוב — 28


## צווישן מדבר און ים


צווישן מדבר און ים — 30
דאָס ליד פון שלום־טיש
אין זשענעווע — 35
די שלום־טויב אויף הר־ציון — 37
בריקן פון שלום — 38
ווידער שווינגען שווערדן — 39
לייגט אַוועק די שווערד — 40


## ערד און הימל


יאָרטויזנטוויין — 42
די מתנה — 44
איין איין טאָג — 46
נעכטן, היינט און מאָרגן — 48
טרעט אָפּ, מיין שטאָט — 49
אַ נאַכט אין מדבר — 51
פאַרברעכן און שטראָף (באַלאַדע) 52
אַ גרוס צו דער לבנה — 59
לערן זיך גיין אויף דער ערד — 61
לבנה־שטויב — 63


## שווערע טריט


דעם חשבון דעם לאַנגן — 66
שוועסטער מיינע, טונקל־הויטיקע 67
נאָך די פאַראַדן — 70
ער וואַרט, דער נאַצי־שד — 72
אַ שיף אויפן ים — 74
נעם אַ פען אין האַנט און רעכן 75
בען טרע — 76
וואו ביסטו, נביא — 78
דער נעכטן איז אַוועק — 79
ניט שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין 80
מיין ליד אויף דער וואַך — 81
ווייסע פריד — 83
דער מענטש איז ניט קיין חיה — 84


## פריינטשאַפט


פריינטשאַפט — 86
שלום־הימן — 87
דער לאַמטערן — 88
ווי גוט — 89
אונדזער קולטור־בנין — 90
אַ לויב דיר, אידיש וואָרט — 91
די גאָלדענע יאָרן — 92
זינגער געטרייען — 94
הימן פון אונדזערע כאָרן — 96
דער מאַמעס ברכות — 97
דער זילבערנער זוים — 100
אַ וואונק פון די אויגן — 101
ביי די קינדערשע בעטלעך — 102
אָט ערשט — 103
אַ דאַנק אייך, טאַטע־מאַמע — 105
זיבעציק פרילינגען — 106
דער גרויסער נגיד — 107

## בלומען און טרערן

טראָפּנס — — — — — — — 110
די מאַמע גייט פון אונדז אַוועק 111
איך בעט מיין פּען — — — — — 112
עס טרעפט... זי בלייבט אַליין — 115
זיין טרוים איז מיט אונדז — — 117
יאָרצייט־ליכט ברענען — — — 118
טאַטע מיינער — — — — — — 119
די לעצטע שעה — — — — — — 120

## איבערזעצונגען

די דיגע ווערבע — — — — — 121
חנה ראָווינאַ — — — — — — 122
די טויטע אויפן סקווער — — — 125
כל זמן — — — — — — — — 130
ווי גוט וואָלט געווען — — — — 131
ספּאַנסאָרס — — — — — — 132